בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול**<br>**ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די**<br>**אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה?..............א
וִוי אַזוֹי הוֹיבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיף נָאכְ'ן דוּרְכְפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת?..........................ב
וִוי אַזוֹי נוּצְט מֶען אוֹיס דִי עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן אוֹפָן?..........................ד


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


בִּזְכוּת מְתַקֵן זַיין דִי עֵירוּב וֶועסְטוּ נִפְקַד וֶוערְן בְּזֶרַע שֶׁל קַיָּמָא..........................א
אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען ווְאוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל ........ב
אַ דַאנְק פַארְ'ן הֶעלְפְן אִין אָפִּיס אַזוֹי שֵׁיין..................................................ב
אִיךְ דַאנְק אַייךְ פַארְ'ן זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד..................ג
אוֹיבּ קֶען מֶען נִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן, זָאל מֶען מַאכְן אַ קִיבּוּץ יֶעדֶער אִין זַייעֶר שְׁטָאט..................................................................................ד
אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְרַאשְׁט פוּן דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה..............................ד
בֶּעטְס אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַייךְ ......................ה
אַז מֶען שְׁלָאגְט אַייעֶר קִינְד אִין חֵדֶר, רֶעדְסְט מִיטְ'ן מְלַמֵד אוּן מְנַהֵל..................ח
אַייעֶר קִינְד אִיז גֶעזוּנְט אוּן וֶועט זַיין גֶעזוּנְט ........................................ט
אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיר טוּט פַארְ'ן מוֹסָד וֶועט מֶען לֵייגְן אוֹיפְ'ן וָואגְשָׁאל.............י
דֶער רֶבִּי וָואס הֵייסְט קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן, וִויל אוֹיךְ מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן... י
עֶס אִיז דָא וֶועגְן אָנְצוּקוּמֶען קַיין אוּמַאן..........................................יב
אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה' שִׁיקְן נָאךְ תְּהִלִים'ס.........................................יג
טוּן וָואס מֶען קֶען אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן ..................................יד
מִיר פְּרוּבִּירְן יֶעצְט צוּ שַׁאפְן וֶועגְן פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ..........................יד
אוֹיף יֶעדֶע רֶגַע פַארְ'ן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַסַאךְ בַּאלוֹינוּנְג..........טו
מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶער זָאל אָנְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם ........................טז
נֶעם נִישְׁט צוּ זַיין פַּרְנָסָה וַוייל עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן ..........................יז
הַאלְט אַייךְ שְׁטַארְק.................................................................יט
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן גְרוֹיסֶע נִסִים....................................יט
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען עֶפֶענֶען אַלֶע גְרֶענִיצְן, אַלֶע פַארְשְׁלָאסֶענֶע טוֹיעֶרְן ..............כ

מִיט תְּפִלָּה וֶועט מֶען אָנְקוּמֶען ........................................ כ

וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין אוּן זִיךְ מְקַבֵּל זַיין גוּטֶע זַאכְן ........................ כא

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִיר זָאלְט נָאךְ קֶענֶען הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה ........... כב

קוּמְטְס נִישְׁט קַיין מָאלְדָאוֶוע ........................................ כב

הִיטְס עֶנְקֶערֶע אוֹיגְן ........................................ כג

פַארְגֶעס נִישְׁט פוּן תַּכְלִית, אוֹיךְ אִין שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים........................ כג

פְּרוּבִּירְט צוּ לֵייגְן דְּרוּק מְ'זָאל אַייךְ אַרוֹיסְלָאזְן פוּן לוּפְטְפֶעלְד ........................ כד

זַייט אַייךְ מְחַזֵּק אוֹיפְ'ן שְׁוֶוערְן וֶועג קַיין אוּמַאן ........................ כד

מֶען אַרְבֶּעט אוֹיף אַ וֶועג עֶנְק אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן מָאלְדָאוֶוע........................ כה

אִיר דַארְפְט טוּן דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט צוּ וואוּסְן וואוּ צוּ זַיין ........................ כו

אִיךְ וֶועל זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ"א אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק ........................ כז

אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט מֶען זָאל קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - קֶען מֶען אוֹיף גָארְנִישְׁט קוּקְן ........................ כח

עֶפְנְט עֶנְקֶערֶע הֶערְצֶער אַרַיין צוּ נֶעמֶען דִי אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס ווִילְן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין שְׁטֶעטְל ........................ כט

דַיין זְכוּת צוּ הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אָנְצוּקוּמֶען אוֹיף אוּמַאן, אִיז גָאר גְרוֹיס ........... כט

מְסַדֵּר זַיין דֶעם קִיבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין שְׁטֶעטְל ........................ ל

דִי אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"א........................ ל

לָאמִיר זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן ........................ לד

אוּנְזֶערֶע מִנְהָגִים וָואס מִיר פִירְן זִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה........................ לה

הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ רֵיין ........................................ לה

אַלֶע תַּלְמִידִים זָאלְן הָאבְּן רֵיינֶע שְׁטוּבֶּער ........................ לו

זָאלְסְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף רֵיינֶע אוֹיגְן ........... לו

בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע נָאךְ בֶּעפָאר יוֹם הַקָּדוֹשׁ........................ לח

מְ'דַארְף נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז מְ'הָאט חַיּוּת פוּן רֶבִּי'ן ........................ לט

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן צוּשְׁטֶעלְן עֶסְן פַאר דִי גֶעשְׁטְרַאנְדֶעטֶע אִידְן אִין מָאלְדָאוֶוע........... לט

אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אָן אוֹיסְרֶעדְן ........................ מ

דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת פוּן מְסַדֵּר זַיין דֶעם טֶעלֶעפָאן לֵיין ........................ מא

בְּרֶענְגֶען כַּפָּרוֹת אוּן פַארְקוֹיפְן ד' מִינִים אִין שְׁטֶעטְל........................ מא

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן אוּנְז אוֹיפְנֶעמֶען אַזוֹי שֵׁיין אִין אוּמַאן ........................ מב

ווִי נָאר מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה וֶוערְט מֶען רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן .... מג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן אוּן שִׁיעוּרִים, עֶס אִיז מַמָשׁ מְחַיֶה נְפָשׁוֹת.

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵׁם מַקְפִּיד צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז אִיךְ הָאבּ דָארְט נִסְיוֹנוֹת אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם; אַסַאךְ מָאל פַּאל אִיךְ דוּרְךְ אוּן אִיךְ הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, דָאס מַאכְט מִיךְ טְרַאכְטְן צִי עֶס אִיז נִישְׁט עֶנְדֶערְשׁ אִיךְ זָאל נִישְׁט גֵיין מִקְוֶה אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן, אָדֶער אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ זִיךְ מַאכְן אַן אֵייגֶענֶע מִקְוֶה בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים?

דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ הָאף דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן ווִי שְׁנֶעלֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

פוּן גוּטְס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין שְׁלֶעכְטְס; מִקְוֶה אִיז נִישְׁט דַיין פְּרָאבְּלֶעם, דֶער וָואס הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן הָאט צָרוֹת בִּיז'ן מִקְוֶה אוּן נָאכְן מִקְוֶה וְכוּ'. נִישְׁט

מִקְוֶה אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם, מִקְוֶה וֶועט דִיר נָאר רֵייניגְן און בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין סְפֵיקוֹת צוּ גֵיין אִין גַאס אָדֶער גֵיין אַיינְקוֹיפְן אִין גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ׳ וֶוען דוּ וֶוערְסְט נִכְשָׁל אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם; דָארְט וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט טְרַאכְטְן צִי דוּ מֶעגְסְט גֵיין, דָארְט דַארְפְסְטוּ מַאכְן גְּדָרִים וּסְיָגִים - נִישְׁט צוּ גֵיין אִין גוֹי׳שֶׁע גֶעשֶׁעפְטְן וואו עֶס אִיז אוֹיסְגֶעלֵייגְט אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע בִּילְדֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

זֵיי מַקְפִּיד צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה; מִקְוֶה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, רֶבִּי נָתָן הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ טוֹבֵלְ׳ן יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה וֶועט הָאבְּן אַ תִּקְוָה, עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; בִּשְׁעַת דִי טוֹבֵלְ׳סְט זִיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן שְׁטִילֶערְהֵייט: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט פוּן תַּאֲוֹת נִיאוּף, רַאטֶעוֶוע מִיר״, אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן וֶוען דוּ טוֹבֵלְ׳סְט זִיךְ צְוִוישְׁן דִי טְבִילוֹת וֶועסְטוּ בַּיים סוֹף אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דֶעם.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## וִוי אַזוֹי הוֹיבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיף נָאכְ׳ן דוּרְכְפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פַאל לֵיידֶער דוּרְךְ אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן און צֶעשָׁאסְן, אִיךְ פִיל וִוי דִי וֶועלְט עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיר, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם בִּשְׁלֵמוּת? וִוי אַזוֹי קֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין און זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְהֵייבְּן און צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ד' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, עֶס הַרְגֶ'עט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַלֶע וֶועגְן; מֶען פַארְלִירְט דִי גֶעזוּנְט אוּן מֶען פארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פִּנְחָס, רמד:): "מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִרוּרִין דְּנַהֲמָא, עֲנִיּוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶוער עֶס וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט וֶועט עֶר זַיין אַן אָרֶעמַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְּמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוֹיבּ מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן פַארְלִירְט מֶען דָאס מַזָל אוּן מֶען וֶוערְט אַן אָרֶעמַאן.

מֶען וֶוערְט זֵייעֶר בְּעַצְבוּת וּבְמָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען וֶוערְט אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי, אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער מֶענְטְשׁ. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ): "וְזֶה בְּחִינַת חוֹלַאַת שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶנִישׁ, רַחֲמָנָא לִצְלָן, שֶׁשּׁוֹבֵר עַצְמוֹת שֶׁל אָדָם", פוּן דִי עֲבֵירָה קוּמְט דִי מַחֲלָה וָואס הֵייסְט 'בְּרֶעכֶענִישׁ' - דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין זַיין לֶעבְּן, מֶען פַארְלִירְט דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

אָבֶּער אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען בַּאקוּמְט צוּרִיק אַלֶעס, מֶען וֶוערְט גֶעזוּנְט, מֶען בַּאקוּמְט צוּרִיק פַּרְנָסָה אוּן מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תנג): "אִם הָיִיתִי עוֹבֵר חַס וְשָׁלוֹם עֲבֵרָה גְּדוֹלָה בְּיוֹתֵר", אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר זַיין דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵרָה, "אַף עַל פִּי כֵן לֹא הָיְתָה הָעֲבֵרָה מַשְׁלֶכֶת אוֹתִי כְּלָל", וָואלְט דָאס מִיר גָאר נִישְׁט אַרָאפּ גִיוָוארְפְן, "רַק הָיִיתִי אַחַר הָעֲבֵרָה אִישׁ כָּשֵׁר כְּמוֹ קֹדֶם", אִיךְ וָואלְט נָאךְ דֶעם גֶּוֶועןַ אַזוֹי אֵיין עֶרְלִיכֶער יוּד ווִי פְרִיר, "רַק אַחַר כָּךְ הָיִיתִי עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה", דֶער נָאךְ וָואלְט אִיךְ תְּשׁוּבָה גִיטָאן.

וֵויין זִיךְ אוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ אוּן בַּיים סוֹף פַאלְסְטוּ אַרָאפּ

- וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין. מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם אַזוֹי וִוי מֶען גְלֵייבְּט אַז מֶען קֶען מְקַלְקֵל זַיין; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן.

זָאג דִי תְּפִלָּה וֶועסְטוּ אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע דִינִים:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ זִינְדִיג אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה; אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן, אִיךְ וִויל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ פַאל אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִיךְ פַארְלִיר מַיין שֵׂכֶל, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהֶערְשְׁן; וְוִיפִיל מָאל אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה - פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרַיין אִין דֶעם.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זֶע מַיין הַארְץ, זֶע מַיין עֶכְטֶע ווִילְן; אַלֶע מְקַטְרִיגִים זָאגְן אוֹיף מִיר אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גוּט, אִיךְ בִּין נִישְׁט עֶרְלִיךְ - אָבֶּער דוּ זֶעסְט דָאךְ מַיין הַארְץ, וִוי שְׁטַארְק אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, בֶּעט אִיךְ דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה צוּזַאמֶען מִיט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אָמֵן".

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וִוי אַזוֹי נוּצְט מֶען אוֹיס דִי עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן אוֹפָן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה בִּין אִיךְ זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעלָאזְט מַיין אַרְבֶּעט, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג, אִיךְ זִיץ אִין שׁוּל מִיט אַ הוֹיפְן סְפָרִים וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טְרָאפּ יִשּׁוּב הַדַּעַת פוּן אַזוֹיפִיל רִבּוּי אוֹר.

אִיךְ וִויל וִויסְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אוֹיף אַ גוּטֶע פַארְנֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ד׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן עב): מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס טְרַייבְּט אִיבֶּער אוּן מַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער פוּן דִי מָאס, מֶער וִויפִיל מֶען קֶען פַארְנֶעמֶען; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת יט, כא): ״רֵד הָעֵד בָּעָם פֶּן יֶהֶרְסוּ אֶל ה׳ לִרְאוֹת וְנָפַל מִמֶּנּוּ רָב״, גֵיי זָאג דִי אִידְן זֵיי זָאלְן נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּם בַּארְג; ווייל דִי אִידְן זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה הָאט מֶען זֵיי גֶעדַארְפְט זָאגְן זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְצוּרַייסְן, נִישְׁט טוּן מֶער פוּן דִי מָאס.

וֶוער הָאט דִיר גֶעבֶּעטְן זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דַיין אַרְבֶּעט? גֵיי צוּרִיק אַרְבֶּעטְן אוּן נֶעם מִיט דִיר מִיט אַ זֶעקֶל סְפָרִים, וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר מִינוּט זָאלְסְטוּ אַרַיין כַאפְּן אַבִּיסְל לִימּוּד הַתּוֹרָה.

טוּ נִישְׁט קַיין ווילְדֶע זַאכְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין דִי אַרְבֶּעט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין שְׁטוּבּ. מֶען דַארְף נִישְׁט אַוֶועק לוֹיפְן עֶרְגֶעץ ווייט צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**בִּזְכוּת מְתַקֵּן זַיין דִי עֵירוּב וֶועסְטוּ נִפְקַד וֶוערְן בְּזֶרַע שֶׁל קַיָּימָא**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ״א אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַזוֹי וִוי עֶס הָאבְּן זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן נַייעֶ מִשְׁפָּחוֹת אִין מֵיידְל קֶעמְפּ; הֱיוֹת דִי מֵיידְל קֶעמְפּ אִיז אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם שְׁטֶעטְל עֵירוּב בֶּעט אִיךְ דִיר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מְתַקֵּן זַיין דֶעם עֵירוּב אַרוּם דֶעם קֶעמְפּ, אַז דִי מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין חִלּוּל שַׁבָּת.

נֶעם הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ הָאבּ מִיט אִים גֶעלֶערְנְט פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק הִלְכוֹת עֵרוּבֵי חֲצֵרוֹת, עֶר וֶועט בּוֹדֵק זַיין צִי עֶס אִיז כָּשֵׁר, אוֹיךְ זָאלְט אִיר מַאכְן זִכּוּי הַפַּת.

בִּזְכוּת מְתַקֵּן זַיין דֶעם עֵירוּב וֶועסְטוּ נִפְקָד וֶוערְן בְּזֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.

זַיי מִיר מוֹדִיעַ אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דָאס טוּן וַוייל דִי מִשְׁפָּחוֹת דָארְט קֶענֶען נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת וְכוּ׳.

גֶעבּ זֵיי אִיבֶּער אַז אֲפִילוּ מֶען קֶען טְרָאגְן אִינֶעם קֶעמְפּ קֶען מֶען נִישְׁט טְרָאגְן שַׁבָּת פוּנֶעם מֵיידְל קֶעמְפּ צוּם שְׁטֶעטְל, דִי עֵירוּב אִיז נָאר פַארְ׳ן קֶעמְפּ.

...

## אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ״א אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ.**

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם ה׳!

אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל בַּאזוּכְן דִי חֵדֶר, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דוּ הָאסְט זִיךְ שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז נָאךְ אַ חָשׁוּבֶ׳עֶ מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, מִיטְ׳ן צִיל צוּ גֶעבְּן דִי גוּטֶע חִינוּךְ - וָואס דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אוֹיף דִי עֶלְטֶער - פַּאר דַיינֶע קִינְדֶער אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן.

אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל וִויל אִיךְ דוּ זָאלְסְט הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל, נִישְׁט סְתָּם וואוֹינֶען וְכוּ׳; אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן וָואס דוּ טְרַאכְסְט צוּ טוּן צוּצוּגֶעבְּן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דֶעם שְׁטֶעטְל, עֶס זָאל אַרוֹיסְגֵיין אַ לִיכְטִיגְקֵייט פַּאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַ דַאנְק פַאר׳ן הֶעלְפְן אִין אָפִיס אַזוֹי שֵׁיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ״א אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן **מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען אִין אָפִיס אוּן גֶעזֶען דִי גֶעטְרֵייעֶ סֶעקְרֶיטֶערִיס, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דַיין גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, מִיט דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר אִין אָפִיס נֶעמְסְטוּ אַ טֵייל אִין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶער קְהִלָּה אוּן מוֹסְדוֹת.

צוּם נֵייעֶם יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה וואוּנְטְשׁ אִיךְ אַייךְ אוּן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אַ זִיסֶע יָאר, אַ גְלִיקְלִיכֶע יָאר, אַ יָאר מִיט גֶעזוּנְט, אַ יָאר מִיט שֶׁפַע, אַ יָאר פוּן שָׁלוֹם

בַּיִת און אַ יָאר פון נַחַת.

אִיךְ דַאנְק דִיר מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ; אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אַ גְרוֹיס פַּאר דִיר פוּן דַיין מַאן, עֶר אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם, עֶר דַאוֶועָנְט און לֶערְנְט.

...

## אִיךְ דַאנְק אַייךְ פַארְ'ן זַיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

נָאכְן זִיצְן אַפָּאר שָׁעָה אִין אָפִיס בַּיים מִיטִינְג דוּרְכְצוּגֵיין אַלֶע אֵיינְצֶעלְהֵייטְן שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ דַארְף אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

אִיךְ דַאנְק אַייךְ מָרַת ... תִּחְיֶ' פַארְ'ן זַיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד, מִיט אַזַא גֶעטְרֵיישַׁאפְט; אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶער קְהִלָּה און מוֹסָד גֵיין אוֹיפְ'ן וָואגְשָׁאל פַאר אַייךְ לִזְכוּת פַארְ'ן יוֹם הַדִין, דָאס וֶועט אַייךְ בֵּיישְׁטֵיין פַארְ'ן גְרוֹיסְן יוֹם הַדִין.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט אַרְבֶּעטְן נָאר אִין דִי פַארְמִיטָאג שָׁעוֹת, שְׁפֶּעטְסְטְנְס בִּיז פִיר אַזֵייגֶער; אִיר זֶענְט אַ מַאמֶע, אִיר הָאט אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּב - דַארְפְט אִיר אַהֵיים גֵיין דְרֵיי אַזֵייגֶער, און אוֹיבּ אִיז דָא אַסַאךְ אַרְבֶּעט - שְׁפֶּעטְסְטְנְס פִיר אַזֵייגֶער.

אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ צוּם נֵייעֶם יָאר אִיר זָאלְט גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת, אַ זִיסֶע יָאר, אַ גֶעזוּנְטֶע יָאר, אַ יָאר מִיט פַּרְנָסָה, אַ יָאר מִיט שִׂמְחָה, אַ יָאר מִיט שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה און נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

אִיךְ זָאג אַייךְ נָאכְאַמָאל, אַלֶעס וֶועט מֶען לֵייגְן אוֹיפְ'ן וָואגְשָׁאל.

בְּנוֹגֵעַ בֶּעיבִּיסִיטִינְג; אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ מָרַת ... תִּחְיֶ', דִי סְקוּל וֶועט צוּשְׁטֶעלְן בֶּעיבִּיסִיטִינְג פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

...

## אוֹיבּ קֶען מֶען נִישְׁט פָאהְרן קַיין אוּמַאן, זָאל מֶען מַאכְן אַ קִיבּוּץ יֶעדֶער אִין זֵייעֶר שְׁטָאט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט עֶפֶענֶען דִי גְרֶענִיץ אִין אוּקְרֵיינָא ווילְסְטוּ דִינְגֶען אַ הָאטֶעל פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס זָאל זַיין פְּלַאץ פַאר אַלֶעמֶען, מֶען זָאל מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע קִיבּוּץ וְכוּ'.

אוֹיבּ דִי גְרֶענִיץ וֶועט זַיין פַארְשְׁפַּארְט אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן דֶעם יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, וֶועל אִיךְ זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אִין שְׁטֶעטְל, אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

מֶען וֶועט מַאכְן אַ קִיבּוּץ אִינֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין בָּארָא פַּארְק, אִין דִי יְשִׁיבָה אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, אִינֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין קִרְיַת יוֹאֵל, מָאנְסִי, סְטֶעטְן אֵיילֶענְד אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶועל זַיין אִין אוּמַאן אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט פָאהְרן קַיין אוּמַאן בִּין אִיךְ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן וָואס דַיינֶע פְּלֶענֶער זֶענֶען; אוֹיבּ דוּ בְּלַייבְּסְט אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג דַארְף אִיךְ אָנְגְרֵייטְן אַן אַנְדֶערֶער בַּעַל קוֹרֵא אוּן אַ בַּעַל מַקְרִיא.

יְשׁוּעַת ה' כְּהֶרֶף עַיִן, מִיר הָאפְן צוּ זַיין אִין אוּמַאן.

...

## אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְרַאשְׁט פוּן דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ.**

דַיין טַאטֶע נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן דִי פְרֵיילִיכֶע נַייעֶס אַז דוּ גֵייסְט דִי וָואךְ שַׁבָּת עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס אוּן לְכָבוֹד דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה הָאט דַיין טַאטֶע נֵרוֹ יָאִיר גֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה קַיין מִירוֹן צוּם הֵיילִיגְן תַּנָּא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְרַאשְׁט פוּן דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה; אַ יוּנְגֶער בָּחוּר ווִי דִיר

זָאל זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק בַּאפְלַייסְן אִין לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אַז דִי אַלֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים זָאלְן דִיר בַּאגְלֵייטְן דַיין גַאנְץ לֶעבְן אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא דַיין גַאנְץ לֶעבְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר אַ קְלֵיינֶע טוֹבָה; בֶּעט פַּאר מִיר בַּיים צִיוּן פוּן הַתַּנָּא הָאֱלוֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, מַיין נָאמֶען אִיז יוֹאֵל אוּן מַיין מַאמֶעס נָאמֶען אִיז רֵיצָא רֶעכִיל - אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיט דִי יְשִׁיבָה אוּן מִיט דִי גַאנְצֶע מוֹסָד.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## בֶּעטְס אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַייךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶועֶן מִיט דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; דִי בְּרִיוו פַאר דִי פְרוֹי וָואס אִיר מַאן שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט [דִי בְּרִיוו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו]. אִיר פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְעֶסְן פוּן דֶעם אַז אַייעֶר מַאן שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט, טִיף אִין טָאג, וֶוען אִיר קוּמְט אַהֵיים פוּן אַרְבֶּעט שְׁלָאפְט עֶר נָאךְ וְכוּ'; עֶס הָאט אָפְּגֶעקִילְט אַייעֶר לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ', אוּן יֶעצְט נָאכְן לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו הָאט עֶס גֶעטוֹישְׁט דֶעם בְּלִיק אוֹיף אַייעֶר מַאן, עֶס הָאט אַייךְ גֶעמַאכְט אִים לִיב הָאבְּן.

אַ שָׁאד וָואס מֶענְטְשְׁן שְׁרֶעקְן זִיךְ פוּן בְּרֶסְלֶב; וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶעוואוּסְט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, וָואס פַאר אַ שֵׂכֶל דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אִין יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן - וָואלְטְן אַלֶע גֶעקֶענְט הָאבְּן דִי זִיסֶע לֶעבְּן וָואס מִיר לֶעבְּן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סַיי עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט בַּאדֶערְן דָאס פוּן אַייעֶר מַאן אוּן אוֹיךְ אוֹיף דֶעם אַז עֶר זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין אִין צַייט אוּן הָאבְּן אַ סֵדֶר הַיּוֹם וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט; אָבֶּער בְּעִיקָר בֶּעטְס אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַייךְ, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זַיין גְלִיקְלִיךְ

און צופְרִידְן.

אַז אִיר נֶעמְט אָן דִי חִיזוּק וֶועל אִיךְ אַייךְ וַוייטֶער גֶעבְּן חִיזוּק.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

[דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**קוּקְט אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים פוּן אַייעֶר מַאן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ',**

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר הָאט גְרוֹיס צַעַר פוּן אִים, אִיר הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף אִים; בְּעִיקָר הָאט אִיר צְוֵויי גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט אִים, אֵיינְס אַז עֶר שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט, און דִי צְוֵוייטֶע טַעֲנָה אַז עֶר הָאט שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב. אִיר לוֹיפְט אַרוּם פוּן אֵיין עֵצָה גֶעבֶּער צוּם צְוֵוייטְן, אִיר זוּכְט וֶוער עֶס קֶען אַייךְ הֶעלְפְן; קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיר פַּיינִיגְט זִיךְ און אִיר עֶסְט זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, אַייעֶר מַאן בֶּעט מִיר אַן עֵצָה וָואס עֶר קֶען טוּן אַז דָאס לֶעבְּן צְוִוישְׁן עֶנְק זָאל זַיין זִיס.

אִיךְ מַיין אַז אִיר וַוייסְט נִישְׁט וָואס פַאר אַ טַייעֶרֶער מַאן אִיר הָאט, אַסַאךְ פְּרוֹיעֶן וָואלְטְן זִיךְ גֶעוואוּנְטְשְׁן אַז דָאס זָאלְן זַיין זֵייעֶרֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען; אַייעֶר מַאן אִיז אַ טַייעֶרֶער מֶענְטְשׁ, אַ וַוייכֶע הַארְץ, אַ נְשָׁמָה, אַ מֶענְטְשׁ אָנְגֶעפִילְט מִיט גֶעפִילְן, עֶרְלִיךְ און פְּרַיינְטְלִיךְ; עֶר הָאט דִי אֵיין פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אַבִּיסְל שְׁפֶּעט.

אִיךְ פְרֶעג אַייךְ, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס אִיר זָאלְט זִיךְ אוֹיפְעֶסְן צוּלִיב דֶעם? אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז עֶר טוּט דָאס נִישְׁט פַאר שְׁלֶעכְטִיקֵייט, נָאר דָאס אִיז זַיין נַאטוּר, עֶר אִיז אַזוֹי אוֹיפְגֶעוַואקְסְן. בַּיי זַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א לֵייגְט מֶען נִישְׁט אַזַא שְׁטַארְקֶע דָגוּשׁ אוֹיף אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה שְׁלָאפְט אַרַיין בִּיז אִין טָאג, אִיז וָואס זָאלְט אִיר זִיךְ עֶסְן און עֶסְן אוֹיף דֶעם? דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס אִיז אַייעֶר גַאנְצֶע דַאֲגָה, דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ מַאן וָואס אִיז עֶרְלִיךְ, עֶר הֶעלְפְט אַייךְ און עֶר אִיז גֶעטְרֵיי צוּ דִי קִינְדֶער, וָואס פֶעלְט אַייךְ? פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ עֶסְן דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן?

בְּנוֹגֵעַ דִי צְוֵוייטֶע טַעֲנָה וָואס אִיר הָאט, אִיר ווִילְט נִישְׁט עֶר זָאל הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב; וָואס זָאל אַייךְ אָנְגֵיין אַז אַייעֶר מַאן הָאט חַיּוּת פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים? וָואס נֶעמְט דָאס אַוֶועק פוּן אַייעֶר לֶעבְּן? אַז אַייעֶר מַאן שְׁפִּירְט אַז דִי סְפָרִים אוּן דְרָשׁוֹת הֶעלְפְן אִים אוּן עֶס גֶעבְּט אִים עֵצוֹת אִין זַיין לֶעבְּן - פַארְוָואס דַארְפְט אִיר זִיךְ אוֹיפְעֶסְן אוּן זוּכְן פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד אוֹיף וָואס צוּ מַאכְן אַ רַאבֶּעַרֵיי?

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מִיר זוּכְן אַלֶע זְכוּתִים פַארְ'ן יוֹם הַדִּין; דַארְפְט אִיר זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אוּן תְּשׁוּבָה טוּן פַארְ'ן סֶעקִירְן אַייעֶר מַאן טָאג טֶעגְלִיךְ. אִיר טָארְט נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן פוּן אִים עֶר זָאל זַיין ווִי אַייעֶר טַאטֶע שְׁלִיטָ"א; אַז אַייעֶר טַאטֶע שְׁלִיטָ"א שְׁטֵייט אוֹיף פַּארְטָאגְס, אִינְמִיטְן דִי נַאכְט - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב פַאר אִים אַלֵיינְס, דָאס מֵיינְט אָבֶּער נִישְׁט אַז אַייעֶר מַאן דַארְף אוֹיפְשְׁטֵיין פּוּנְקְט אִין דִי צַייט. אַייעֶר טַאטֶע הָאט אוֹיךְ נִישְׁט דִי מַעֲלוֹת פוּן אַייעֶר מַאן שְׁלִיטָ"א; עֶר קֶען נִישְׁט זַיין ווִי אַייעֶר מַאן, ווַייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשָׁאנְקֶען מִיט זַיינֶע מַעֲלוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלַאנְגְט נִישְׁט מֶען זָאל נָאכְמַאכְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל אִים דִינֶען מִיט זַיינֶע נַאטוּרְן אוּן מִיט זַיין וֶועג.

אִיר ווֵייסְט אַוַדַאי וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט אַלֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא פוּן הַאנִיפָּאלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אִיךְ וֶועל אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל וֶועט מֶען מִיר נִישְׁט פְרֶעגְן 'פַארְוָואס בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶוען ווִי דַיין בְּרוּדֶער אֱלִימֶלֶךְ?' מֶען וֶועט מִיר פְרֶעגְן 'פַארְוָואס בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶוען ווִי זוּשָׁא דַארְף זַיין?' אִיךְ וֶועל דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַארְוָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי ווִי אִיךְ דַארְף זַיין"; ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל נָאכְמַאכְן אַנְדֶערֶע, נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ ווַייל עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ זֶען ווִי אַייעֶר מַאן לַיידְט; אִיךְ ווֵייס נִישְׁט צִי אִיר וֶועט אֲפִילוּ וֶועלְן לֵיינֶען מַיינֶע ווֶערְטֶער, אִיר זֶענְט דָאךְ בְּרוֹגֶז אַז אַייעֶר מַאן רֶעדְט צוּ מִיר וְכוּ', דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ דִי וֶוערְטֶער ווַייל עֶס רַייסְט מִיר מַיין הַארְץ פַארְוָואס אִיר לֶעבְּט נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם. אִיךְ ווִיל כָאטְשִׁיג אַז אַייעֶר מַאן זָאל הָאבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק, עֶר זָאל שְׁפִּירְן ווִי אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט אִים, אוּן אֶפְשָׁר וֶועלְן נָאךְ אַנְדֶערֶע ווַייבְּלֶעךְ אוֹיפְהֶערְן סֶעקִירְן דִי מֶענֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נִישְׁט "פּוּנְקְט" ווִי זֵייעֶר פָאטֶער.

אִיךְ הָאףּ אַז אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער; אִיר וֶועט פוּן הַיינְט אָן קוּקְן גוּט אוֹיף אַייעֶר מַאן אוּן אִיר וֶועט אִים נָאר אוֹיפְהֵייבְּן, אִיר וֶועט זִיךְ פְּרֵייעֶן וֶוען עֶר שְׁלָאפְט, אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל אִים נִישְׁט אוֹיפְוֶועקְן כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען גוּט אוֹיסְרוּעֶן אוּן וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף - נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוען - וֶועט אִיר אִים וַוייטֶער לִיב הָאבְּן אוּן אִיר וֶועט שְׁמֵייכְלֶען צוּ אִים. עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן ׳מַיין וַוייבּ הָאט מִיר לִיבּ, מַיין וַוייבּ פַארְשְׁטֵייט מִיר, מַיין וַוייבּ קוּקְט אוֹיף מִיר גוּט׳, וֶועט אִיר אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע לֶעבְּן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אִין בְּרֶסְלֶב, אִיר וֶועט אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן אַ לִיבְּשַׁאפְט, דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ.]

...

## אַז מֶען שְׁלָאגְט אַייעֶר קִינְד אִין חֵדֶר, רֶעדְסְט מִיטְ׳ן מְלַמֵּד אוּן מְנַהֵל

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ״א אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳, צְפַת.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיװ.

אַוַדַאי זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיטְ׳ן מְנַהֵל פוּנֶעם מוֹסָד פוּן אַייעֶר קִינְד, אִים דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶערְהֵייט וָואס אַייעֶר קִינְד דֶערְצֵיילְט אַייךְ, פוּן דִי פַּחַד וָואס עֶר הָאט פוּנֶעם מְלַמֵּד וָואס שְׁלָאגְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דִי שִׁיטָה אִיז דָארְט אִינֶעם מוֹסָד, וֶוער עֶס שְׁטֶעלְט אַוֶועק דִי גְּדָרִים וָואס צוּ טוּן, וַוייל מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז אַ מְלַמֵּד וָואס שְׁלָאגְט - טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד, אַזַא אֵיינֶער דַארְף אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי מִיסְט; דָארְט וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְגֶעבְּן זַיינֶע נֶערְוְון, עֶר וֶועט וַוארְפְן דִי מִיסְט קַאנֶעס מִיט רְצִיחָה, אַזַא אַרְבֶּעט אִיז גוּט פַאר אִים; קַאנֶעס אַז מֶען וַוארְפְט צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ עֶס אוּן מֶען קֶען קוֹיפְן אַ נֵייעֶ, אָבֶּער אַ קִינְד וָואס מֶען וַוארְפְט, מֶען שְׁלָאגְט אִים - אַזַא קִינְד וֶוערְט אַ בַּעַל מוּם פַארְ׳ן גַאנְצְן לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

פַאר אִיר רוּפְט דֶעם מְנַהֵל זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּם מְלַמֵּד אוּן וֶוען אִיר רֶעדְט מִיט אִים זָאלְט אִיר רֶעדְן זֵייעֶר רוּאִיג נִישְׁט צוּהִיצְט, זָאגְט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט וָואס אַייעֶר קִינְד דֶערְצֵיילְט; זָאגְט אִים אַז אַייעֶר קִינְד הָאט מוֹרָא צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר, עֶר וֶוערְט

זַייעֶר דֶערשְׁרָאקֶן פוּן פֶּעטְשׁ, אוּן אֲפִילוּ עֶר שְׁלָאגְט נִישְׁט אַייעֶר קִינְד זָאל עֶר בַּארוּאִיגְן אַייעֶר קִינְד, אִים זָאגְן אַז עֶר זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

אִיר זֶענְט נִישְׁט דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מַאמֶע וָואס שְׁרַייבְּט מִיר בְּרִיוו וָואס צוּ טוּן וֶוען דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים דֶערצֵיילְן ווִי דִי מְלַמְּדִים שְׁלָאגְן אִין חֵדֶר, אוּן נָאכְדֶעם קֶען מֶען הֶערְן מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "הַיינְט שְׁלָאגְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט"; וֶוען הַיינְט אוּן נֶעכְטְן אוּן מָארְגְן וֶוערְן קִינְדֶער צֶעשְׁלָאגְן אוּן צֶעקְלַאפְּט פוּן מְלַמְּדִים.

זַייט אַייךְ מִתְוַדֶה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר הָאבְּן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מְלַמְּדִים; דִי עֵצָה זָאגְט דֶער רֶבִּי, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת דֶרֶךְ חֵלֶק ב׳, סִימָן א): "עַל יְדֵי וִדּוּי דְּבָרִים", דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "גּוֹרְמִין, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַזְמִין מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת שֶׁלּוֹמְדִים בֶּאֱמוּנָה", הֶעלְפְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶען זָאל הָאבְּן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מְלַמְּדִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַייעֶר קִינְד אִיז גֶעזוּנְט אוּן וֶועט זַיין גֶעזוּנְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר הוֹדָעָה.

זַייטְס מִיר מוֹחֵל, אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען אַ גַאנְצְן טָאג אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל אוּן מִיט דִי אָפִּיס וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ עֶנְק נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְטְפֶערְן.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גְלַייךְ פַארְבִּינְדְן מִיט דָאקְטֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר ווִיל רֶעדְן מִיט אַייךְ, עֶר וֶועט אַייךְ זָאגְן וָואס צוּ טוּן.

פַארְלִירְטְס עֶנְק נִישְׁט, אַייעֶר זוּן הַיֶּלֶד ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז גֶעזוּנְט אוּן וֶועט זַיין גֶעזוּנְט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף.

אִיר זָאלְט נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן עֶס וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן דֶער פָּסוּק (דְּבָרִים ל, ו): "וּמָל ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ

וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ", זַיין הַארץ וֶועט זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק.

נָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן.

זַייטְס מִיר מוֹדִיעַ וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט.

...

## אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיר טוּט פַארְ'ן מוֹסָד וֶועט מֶען לֵייגְן אוֹיפְ'ן וָואגְשָׁאל

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר וואוּנְטְשׁ אִיךְ אַייךְ אַ זִיסֶע לִיכְטִיגֶע יָאר צוּזַאמֶען מִיט אַייעֶר חָשׁוּב'עֶר מַאן ... נֵרוֹ יָאִיר.

אַייעֶר מַאן הֶעלְפְּט מִיר זֵייעֶר דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן יָאר, דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיר טוּט פַארְ'ן מוֹסָד וֶועט מֶען לֵייגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיפְ'ן וָואגְשָׁאל און עֶס וֶועט עֶנְק הֶעלְפְן פַאר אַ גוּטֶע זִיסֶע יָאר.

אוֹיךְ דַאנְק אִיךְ אַייךְ פַארְ'ן קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ; דִי תַּלְמִידוֹת הָאבְּן אַייךְ זֵייעֶר לִיבּ, זֵיי הָאבְּן הַנָאָה פוּן דָאס וָואס אִיר לֶערְנְט מִיט זֵיי, פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן.

אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס אִיר וַוארְט און וִוילְט.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דֶער רֶבִּי וָואס הֵייסְט קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן, וִויל אוֹיךְ מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ שֶׁיִּחְיוּ, יְרוּשָׁלַיִם.**

מִיר וַוארְטְן אַלֶע אוֹיף דִי גוּטֶע נֵייעֶס, צוּ הֶערְן אַז דִי גְרֶענִיץ אִיז אָפְן און מִיר קֶענֶען אַלֶע גֵיין קַיין אוּמַאן, זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז

מְתַקֵּן און אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זֶענֶען מִיר זֵייעֶר רוּאִיג און מְיֻשָּׁב אַז אוֹיבּ דֶער גְרֶענִיץ וֶועט בְּלַייבְּן פַארְשְׁפַּארְט וֶועלְן מִיר וַוייטֶער זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶער זֶעלְבֶּער רֶבִּי וָואס הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן דֶער זֶעלְבֶּער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן און צֶעטוּמְלְט, מִיר זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ אִין יֶעדֶע מַצָּב.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ מַיינֶע טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, בְּלַייבְּט רוּאִיג; יֶעצְט דַארְף זִיךְ אָנְזֶען וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז דִי גַאנְצֶע יָאר, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, מִיר דַארְפְן טַאקֶע וַוייטֶער בֶּעטְן, הָאפְן און גְלִיסְטְן אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אָבֶּער מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת און שִׂמְחָה.

אוֹיבּ דִי גְרֶענִיץ וֶועט זַיין פַארְשְׁלָאסְן זָאלְט אִיר מַאכְן אַ מִנְיָן צוּזַאמֶען תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; וַוייל וואו עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען צֶען מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין רֶבִּי'ן - דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ דֶער רֶבִּי, בִּתְנַאי אַז דִי צֶען מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ נִישְׁט, דִי מִנְיָן הָאבְּן זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵויטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט וֶוען עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב אוֹיפְ'ן וֶועג זִיךְ צוּ בַּאזֶעצְן אִין אוּמַאן און דֶער בַּעַל עֲגָלָה אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן מִיט דִי פֶערְד און וָואגְן; אוֹיפְ'ן וֶועג אַרוֹיס הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים טִיר, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה און גֶעזָאגְט: "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד", אִיר זָאלְט זִיךְ צַאמְנֶעמֶען און דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפָּעַם", וַוייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען און דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּנָה, אֶפְשַׁר וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען צוּרִיק מַמְשִׁיךְ זַיין (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפה).

דִי וָואךְ אִיז גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה אֵיינֶער פוּן אַייעֶר חַבוּרָה, אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס דַאוֶוענְט בַּיי אַייךְ, עֶר הָאט מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן שֵׁיינֶע גְרוּסְן אוֹיף אַייךְ. אוֹיךְ בַּאקוּם אִיךְ יֶעדְן טָאג בְּרִיוו, סַיי פוּן גֶעסְט וָואס פַאלְן אַרַיין אוֹיף אַ שַׁבָּת און אוֹיךְ פוּן קְבִיעוּת'דִיגֶע מִתְפַּלְּלִים, אַלֶע שְׁרַייבְּן אַ זַאךְ וָואס בַּאנֶעמְט מִיר זֵייעֶר, אַלֶע שְׁרַייבְּן אַז מֶען שְׁפִּירְט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט אִין אַייעֶר שׁוּל; דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב צוּ הֶערְן, וַוייל אַ מִנְיָן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס לִיבְּן זִיךְ - דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי.

אִיךְ בֶּעט יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אַייךְ, גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן בְּעַצְבוּת; תְּשׁוּבָה מֵיינְט נִישְׁט עַצְבוּת, תְּשׁוּבָה אִיז אַ מִצְוָה וָואס מֶען דַארְף טוּן מִיט שִׂמְחָה. אַזוֹי וִוי מֶען פְרֵיידְט זִיךְ וֶוען מֶען טוּט אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, אַזוֹי דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן

מִיט שִׂמְחָה; מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן, אַז מֶען זִינְדִיגְט דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן - אָבֶער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תנג): "אִם הָיִיתִי עוֹבֵר חַס וְשָׁלוֹם עֲבֵרָה גְּדוֹלָה בְּיוֹתֵר", אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר זַיין דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵרָה, "אַף עַל פִּי כֵן לֹא הָיְתָה הָעֲבֵרָה מַשְׁלֶכֶת אוֹתִי כְּלָל", וָואלְט דָאס מִיר גָארְנִישְׁט אַרָאפּ גִיוָוארְפְן, "רַק הָיִיתִי אַחַר הָעֲבֵרָה אִישׁ כָּשֵׁר כְּמוֹ קֹדֶם", אִיךְ וָואלְט נָאכְדֶעם גִיוֶועז אַזוֹי אֵיין עֶרְלִיכֶער יוּד וִוי פְרִיר, "רַק אַחַר כָּךְ הָיִיתִי עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה", דֶערְנָאךְ וָואלְט אִיךְ תְּשׁוּבָה גִיטָאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אוּמַאן דֶעם יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## עֶס אִיז דָא וֶועגְן אָנְצוּקוּמֶען קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א', כ"ד אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם אִיךְ זִיץ יֶעצְט אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער פָארְנְדִיג קַיין אוּמַאן צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה ה'תשפ"א הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס טוּ אִיךְ? דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל קוּמֶען קַיין אוּמַאן, דִי גְרֶענִיץ אִיז פַארְשְׁלָאסְן; אִיךְ הָאבּ אַ וֶועג צוּ פָארְן אָבֶּער אִיךְ וִויל דָאךְ פָארְן מִיט אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ", אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ יְדִיעָה אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אַרַיינְצוּקוּמֶען פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָּה.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין וִויעֶן, פוּן דָארְט פָארְן מִיר קַיין אָדֶעסָא אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט מֶען אוּנְז אַרַיינְלָאזְן אוּן מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים.

מִיר דַארְפְן זִיךְ אַבִּיסְל פַארְשְׁטֶעלְן וַוייל דִי פַּיינְטְשַׁאפְט צוּ אִידְן אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס; וֶוען מֶען זֶעט אַ אִיד לָאזְט מֶען נִישְׁט אַרִיבֶּער דִי גְרֶענִיץ, הָאף אִיךְ אַז עֶס וֶועט אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם.

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן פוּן אֵיין מִינוּט אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן; בִּיז הַיינְט נָאכְמִיטָאג הָאבְּן מִיר נָאךְ גֶעטְרַאכְט אַז מִיר וֶועלְן פָארְן דִינְסְטָאג, לְמַעֲשֶׂה דִי לֶעצְטֶע מִינוּט בִּין אִיךְ גֶעלָאפְן אַלֵיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סו): "וִוי גְרֶעסֶער דִי מְנִיעוֹת - אַלְץ גְרֶעסֶער וֶוערְט דִי חֵשֶׁק אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין מֶער"; וֶועלְן מִיר דִי יָאר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין פוּן רֶבִּי'ן אַלֶע תִּיקוּנִים.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת, בָּארְגְט דִי גֶעלְט אוּן קוּמְט קַיין אוּמַאן; עֶס אִיז דָא וֶועגְן אָנְצוּקוּמֶען. פַארְבִּינְדְט אַייךְ מִיט ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען יָא אָנְקוּמֶען קַיין אוּקְרֵיינָא עַל פִּי חֹק מִיט אַ פַּאסְפָּארְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ זָארְג פַאר אַייעֶרֶע שְׁפֶּעזְן"; דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז מַשְׁפִּיעַ זַיין שֶׁפַע, מִיר וֶועלְן הָאבְּן דַי וְהוֹתֵר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה' שִׁיקְן נָאךְ תְּהִלִּים'ס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א', כ"ד אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן ... תְּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

... זַייט מִיר מוֹחֵל, עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אַ אִיד פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן פּוּנְקְט יֶענֶעם טָאג הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַן אִימֶעיל פוּן אַ מֵיידל ... וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן זִיבֶּעצִיג תְּהִלִּים'ס; הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם אִיד אוּן עֶר הָאט גֶעקֶענְט נֶעמֶען אַפָּאר תְּהִלִּים'ס. אִיךְ קֶען נִישְׁט פוּן אוֹיסְנְוֵויינִיג אַלֶע נֶעמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעשִׁיקְט דִי פָּאר נֶעמֶען וָואס הָאבְּן יֶענֶעם טָאג מִיר גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל אַייךְ שִׁיקְן בַּיי דִי קוּמֶענְדִיגֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט.

אִיךְ קֶען נִישְׁט יֶעצְט עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַייעֶר בְּרִיוו; מַיין גַאנְצֶע קָאפּ אוּן מֹחַ אִיז יֶעצְט: 'ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?'

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### טוּן וָואס מֶען קֶען אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א', כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ.**

מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ, מֶען דַארְף טוּן וָואס מֶען קֶען נָאר צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִשְׁפָּט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; דַארְפְן מִיר זוּכְן דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר (עוֹרֵךְ דִּין) וָואס וֶועט פַאר אוּנְז בֶּעטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין בַּדִּין.

דֶער רֶבִּי אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער לוֹיעֶר, עֶר הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דַארְפְן מִיר קוּמֶען אֲפִילוּ עֶס קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה.

טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט; אוֹיף דֶעם מֶעג מֶען בָּארְגְן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז פַאר דִי נְסִיעָה צוּם רֶבִּי'ן מֶעג מֶען בָּארְגְן; זָאלְט אִיר טוּן וָואס אִיר קֶענְט אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אָדֶעסָא, אִיךְ דַארְף נָאךְ גְרוֹיסֶע נִיסִים אָנְצוּקוּמֶען; בֶּעט פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### מִיר פְּרוּבִירְן יֶעצְט צוּ שַׁאפְן וֶועגְן פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א', כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער דִי גְרֶענִיץ! מָה אָשִׁיב לַה׳ כָּל תַּגְמְלוֹהִי עָלָי אַז מִיר פָּארְן יֶעצְט קַיין אוּמַאן.

מִיר פְּרוּבִּירְן יֶעצְט צוּ שַׁאפְן וֶועגְן פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; תְּפִלָּה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

שִׁיק שׁוֹין אַ בִּילְד פוּן דַיין פַּאסְפָּארְט פַּאר ... עֶר זָאל דִיר שַׁאפְן אַ וֶועג.

...

## אוֹיף יֶעדֶע רֶגַע פַארְ׳ן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַסַאךְ בַּאלוֹינוּנְג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, כ״ה אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ פַארְשַׁאפְן וֶועגְן פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיפְ׳ן בַּאשְׁטֶעטִיגוּנְג אַז עֶס וֶועט זַיין אַ וֶועג פַאר אַלֶעמֶען צוּ קוּמֶען.

אִיךְ וֵוייס אַז דוּ פַאלְסְט שׁוֹין פוּן דַיינֶע כּוֹחוֹת נָאכְן אַרְבֶּעטְן אַזוֹיפִיל חֳדָשִׁים אוֹיף אַזוֹיפִיל וֶועגְן אַז מֶען זָאל קֶענֶען אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן אוּן בַּיים סוֹף זֶעסְטוּ וִוי אַלֶעס אִיז צֶעפַאלְן, אָבֶּער דַארְפְסְט גֶעדֶענְקֶען אַז אוֹיף יֶעדֶע רֶגַע אוּן יֶעדֶע מִינוּט וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ אַוֶועקְגֶעגֶעבְן פַארְ׳ן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַסַאךְ בַּאלוֹינוּנְג.

זַיי מִיר מוֹדִיעַ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַארְוֶועם דוּ פַארְשַׁאפְסְט אַ וֶועג אַרַיין, זַיי פַארְבִּינְדְן מִיט הָאַבְרֵךְ ... אוּן מִיט ....

אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען אִין אוּמַאן מִיט אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶער זָאל אָנְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, כ״ו אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן אוּקְרַייְנָא

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן נָאכְאַמָאל אִין מַיין לֶעבְּן, צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ, דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה.

דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶועזְן מִיט צְוֵויי עֵדִים אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אֲפִילוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְרוּ עֲווֹנוֹתָיו וּפְשָׁעָיו וֶועל אִיךְ אִים מְתַקֵּן זַיין אוּן אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קמא; חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רכה).

יֶעדֶע פָּאר שָׁעָה טְרֶעפְט מֶען נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס בַּאקוּמֶען רְשׁוּת אַרַיין צוּ קוּמֶען; אַלֶע זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר׳ן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַ גְרוּפֶּע פוּן זֶעקְס, מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען רְשׁוּת פוּן דִי רֶעגִירוּנְג אַרַיין צוּ קוּמֶען וַוייל מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן דִי אוֹיגְן; מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין לִיגְנְט, מִיר זֶענֶען טַאקֶע גֶעפָארְן צוּ אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאפֶעסָאר - צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זִיךְ הֵיילְן דִי אוֹיגְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ל) דֶער צַדִּיק אִיז אַ דָאקְטֶער וָואס הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ; בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיוּן בַּאקוּמְט מֶען אַזַא הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, מֶען הֵייבְּט אָן פוּנְדַאסְנַיי הִיטְן דִי אוֹיגְן.

עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם פַאלְשֶׁע בִּילְדֶער פוּן מִיר פַארְשְׁטֶעלְטֶערְהֵייט; עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט דוּרְכְשְׁוֶוערְצְן, מִיר זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען גֶעזֶעצְלִיךְ, מִיר הָאבְּן זִיךְ אַבִּיסְל פַארְשְׁטֶעלְט דָאס פָּנִים, כְּדֵי דֶער הֲמוֹן עַם זָאלְן נִישְׁט פַארְפִירְן וְכוּ׳.

יֶעצְט זֶענֶען פַארְהַאן אוֹיפְ׳ן וֶועג אִיבֶּער זֶעכְצִיג בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיךְ אִינְטֶערְוֶועגְנְס, זֵיי דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם אָנְצוּקוּמֶען; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן אָנְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם.

מִיר וַוארְטְן צוּ הֶערְן פוּן זֵיי אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם וֶועט מֶען הַיינְט צַאמְשְׁטֶעלְן נָאךְ אַ גְרוּפֶּע פוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען נָאכְנִישְׁט אִין אוּמַאן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## נֶעם נִישְׁט צוּ זַיין פַּרְנָסָה וַוייל עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, כ״ו אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן

**לִכְבוֹד הָרַב ר׳ ... שְׁלִיטָ״א.**

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער זִיךְ אַיינְבֶּעטְן בַּיי אַייךְ מֶען זָאל אִים נִישְׁט צוּנֶעמֶען זַיין פַּרְנָסָה פַארְ׳ן פָארְן קַיין אוּמַאן אִיבֶּערְלָאזְנְדִיג דִי כִּתָּה פַאר עֶטְלִיכֶע וָואכְן.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ מַסְבִּיר צוּ זַיין פַאר אַ נִישְׁט בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז אוּן וָואס דָאס מֵיינְט זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, דָאךְ וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן דָאס גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אוֹיפְ׳ן שְׁפִּיץ גָאפֶּל, אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מַסְכִּים זַיין אִים צוּרִיק צוּ נֶעמֶען אִין חֵדֶר.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֵוייסְן אַלֶע וָואס דָאס אִיז, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, כָּל בָּאֵי עוֹלָם יַעַבְרוּן לְפָנָיו כִּבְנֵי מָרוֹן; וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען שְׁטֵייט פַאר אַ מִשְׁפָּט? מֶען זוּכְט אַן עוֹרֵךְ דִּין, אַ גְרוֹיסֶער לוֹיעֶר וֶועלְכֶער זָאל פַארְטֵיידִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען שְׁטֵייט פַאר אַ מִשְׁפָּט לְחַיִּים וְלַמָּוֶת - וֶועט מֶען טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ טְרֶעפְן דֶעם גְרֶעסְטְן עוֹרֵךְ דִּין עֶר זָאל קוּמֶען פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן, אִיז דָאךְ אַוַודַאי וֶוען מֶען שְׁטֵייט פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען מִשְׁפָּט יֶעדְן אֵיינֶעם "מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת" וְגוֹמֵר, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן" - רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם מְתַקֵּן זַיין, אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין תִּיקוּן; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תג): אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וֵוייס וָואס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז, אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט בְּקַבָּלָה פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, נָאר בַּאקוּמֶען בְּמַתָּנָה פוּנֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶערִיבֶּער פָּארְן בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים אַלֶע יָארְן קַיין אוּמַאן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ; קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען אוּנְז נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶועט אוּנְז נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן.

דִי יָאר הָאט מֶען פַארְמַאכְט דִי גְרֶענִיץ, מֶען לָאזְט נִישְׁט אַריינְקוּמֶען קַיין אוּקְרֵיינָא, דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר צוּ צֶעשְׁטֶערְן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן; זֵיי זָאגְן אַז דָאס אִיז צוּלִיבּ דִי קָארָאנֶע וֵוירוּס אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט וָואר וַוייל גוֹיִם לָאזְט מֶען אַרִיבֶּער, נָאר בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים שְׁטֶעלְט מֶען אָפּ. אִיךְ בִּין בְּחַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַרִיבֶּער דִי גְרֶענִיץ נֶעכְטְן ב' סְלִיחוֹת, אָבֶּער מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין מָאלְדָאוֶוע מִיט נָאךְ אַסַאךְ תַּלְמִידִים מַיינֶע.

אַסַאךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז מֶען גֵייט פַארְשְׁפַּארְן דִי גְרֶענִיץ הָאבְּן זֵיי זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן, דֶער אִינְגֶערְמַאן ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אַ פֵיינֶער בְּמְקוֹם פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים כְּדֵי נִישְׁט צוּ לָאזְן דִי תַּלְמִידִים אוֹיף הֶפְקֵר אוּן אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן.

אִים אִיז דָאס נִישְׁט גְרִינְג, עֶר הָאט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער; עֶר אִיז נִישְׁט קַיין הֶפְקֵר יוּנְג, דָאךְ הָאט עֶר דָאס גֶעטוּן וַוייל דָאס אִיז אוּנְזֶער אֱמוּנָה, מִיר הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, מִיר גְלֵייבְּן וָואס צַדִּיקִים זָאגְן.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר וֶועט אִים צוּרִיק נֶעמֶען צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר דִי תַּלְמִידִים; וִוי נִישְׁט וִוי אִיז עֶר דָאךְ אַ מְלַמֵּד מוּמְחֶה, עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַהֲבַת ה' יִתְבָּרַךְ.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע זַאךְ מִיט אַן אַנְדֶערֶע בְּלִיק; עֶר אִיז נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי פַּרְנָסָה מַחֲמַת הֶפְקֵרוּת, נָאר פַארְקֶערְט, עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, נָאר לִזְכּוֹת לְכָל טוּב וְטוֹב.

אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת אוּן הַצְלָחָה בְּכָל הַתַּלְמִידִים.

...

## הַאלְט אַייךְ שְׁטַארְק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א', כ"ז אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן אוּקְרֵיינָא

**לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ.**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַלֶע אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, הַאלְט אַייךְ שְׁטַארְק; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען דוּרְכְבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַ גַאנְצֶע נַאכְט הָאבְּן מִיר גֶעאַרְבֶּעט מִיט אַלֶע בַּאאַמְטֶע, מֶען הָאט גֶעטוּן וָואס מֶען קֶען נָאר שְׁתַּדְלְ'ן פַאר דִי וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין מָאלְדָאוֶוע; בִּיז דֶערְוַוייל אִיז אַלֶעס פַארְקְלַאפְּט, עֶס אִיז דָא אֵיין אַפְּצִיעֶ, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְלִירְט אַייךְ נִישְׁט; יְשׁוּעַת הַשֵּׁם כְּהֶרֶף עַיִן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן גְרוֹיסֶע נִסִּים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א', כ"ז אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן, אוּקְרֵיינָא

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ, וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן פַארְשְׁפַּארְט אִין מָאלְדָאוֶוע.**

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן דַארְפְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר זֶענְט שׁוֹין סָמוּךְ וְנִרְאֶה צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן; אִיר הָאט צֶעבְרָאכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, אִיר שְׁטֵייט שׁוֹין מַמָּשׁ בַּיים גְרֶענִיץ צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

שֵׁנִית, אַלֶע זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֶעשֶׁען נִסִּים מֶען זָאל עֶנְק אַרוֹיסְלָאזְן; מִיר הָאבְּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן אַ גַאנְצְן טָאג פְּרוּבִּירְט יֶעדֶע זַאךְ צוּ טוּן אִיר זָאלְט קֶענֶען אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן עֵירְפָּארְט, עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ מַאכְן, אַלֶעס אִיז פַארְקְלַאפְּט, עֶס אִיז דָא 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת'; בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן גְרוֹיסֶע נִסִּים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען עֶפֶענֶען אַלֶע גְרֶענִיצְן, אַלֶע פַארְשְׁלָאסֶענֶע טוֹיעֶרְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, כ״ז אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן אוּקְרֵיינָא

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ, וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין קֶערֶעסְטִיר.**

גֵייט צוּם צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי יְשַׁעְיָ׳ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֵויינְט דָארְט בַּיים צִיּוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן אַ נֵס מִיר אַלֶע זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

זָאגְט פַארְ׳ן בַּאשֶׁעפֶער דִי וֶוערְטֶער: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, מַיין גַאנְצֶע חִיּוּת - אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי; מַיין שְׁלוֹם בַּיִת, מַיין פַּרְנָסָה, מַיין תּוֹרָה וּתְפִלָּה - אַלֶעס קוּמְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אִין אוּמַאן, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער! דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער כֹּל יָכוֹל, דוּ קֶענְסְט עֶפֶענֶען אַלֶע גְרֶענִיצְן, אַלֶע פַארְשְׁלָאסֶענֶע טוֹיעֶרְן - בִּזְכוּת כָּל הַצַּדִּיקִים, אָמֵן״.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## מִיט תְּפִלָּה וֶועט מֶען אָנְקוּמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, כ״ז אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן אוּקְרֵיינָא

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים אוּן מַיינֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שְׁטֶעקְן גֶעבְּלִיבְּן בַּיי דִי גְרֶענִיצְן אַרוּם אוּקְרֵיינָא.**

אִיךְ קוּם יֶעצְט פוּן צִיּוּן, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס דִי גְרֶענִיץ זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען.

פַארְגֶעסְט נִישְׁט וָואס דִי נֵייעֶס הָאט גֶעזָאגְט אִין מִצְרַיִם וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן

גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין, אַלֶע נֵייעֶס אוּן אַלֶע עַסְקָנִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פֶּה אֶחָד: "נִישְׁטָא קַיין וֶועג אַרוֹיס".

אוֹיךְ וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶועהן אִין מִדְבָּר הָאבְּן אַלֶע לֶענְדֶער – מוֹאָב אוּן מִדְיָן, אַלֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט מֶען נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין דִי אִידְן, אֲפִילוּ מֶען הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי זֵיי: "מִיר ווילְן נָאר אַרִיבֶּערְגֵיין", וְכוּ'.

אָבֶּער דֶער צַדִיק – מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "מִיט תְּפִלָּה, וַנִּצְעַק אֶל ה' – וֶועט מֶען אַרַיין גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

קֵיינֶער פוּן אַייךְ זָאל נִישְׁט צוּרִיק פָאְרְן קַיין אַמֶעריקֶע, וַוארְטְס, ה' יִלָּחֵם לָכֶם וְאַתֶּם ת...

עֶנְקֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס וַוארְט אַייךְ אָפּ אִין אוּמַאן בְּכִלְיוֹן עֵינַיִם.

יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל

...

### וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין אוּן זִיךְ מְקַבֵּל זַיין גוּטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א', כ"ז אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן אוּקְרֵיינָא

**לְכָבוֹד אַלֶע טֵייעֶרֶע נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת תַּלְמִידוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ שֶׁתִּחְיוּ.**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין אַז אוּנְזֶערֶע מֶענֶער אוּן קִינְדֶער זָאלְן אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

יֶעדֶער פוּן אַייךְ זָאלְן זִיךְ מְקַבֵּל זַיין גוּטֶע זַאכְן, אֲפִילוּ קְלֵיינִיקֵייטְן; נִישְׁט מִיט אַ תְּנַאי, נָאר זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר דִי אוּן דִי גוּטֶע זַאךְ לִזְכוּת אַז מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אוֹיף דִי יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

גֶעדֶענְקְט, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלְץ מֶעגְלִיךְ.

...

## גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִיר זָאלְט נָאךְ קֶענֶען הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, כ״ז אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן אוּקְרֵיינָא

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה ... נֵרוֹ יָאִיר וְהָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר.**

גֵייטְס נִישְׁט אַרִיבֶּער דִי וַואלְד צְוִוישְׁן וְכוּ׳ וְכוּ׳ בֶּעפָאר אִיר וֵוייסְט וָואס אִיר טוּט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה דָאס צוּ טוּן.

אִיר דַארְפְט דָאךְ הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס וֶועט אִיר טוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען וֶועט אַייךְ לֵייגְן אִין תְּפִיסָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ?

אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן אַלֶע פְּרָטִים, בִּיטֶע זַייטְס פַארְבִּינְדְן מִיט ... נֵרוֹ יָאִיר.

...

## קוּמְטְס נִישְׁט קַיין מָאלְדָאוֶוע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, כ״ז אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן אוּקְרֵיינָא

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

בִּיז דֶערְוַוייל בְּלַייבְּטְס אִין לָאנְדָאן, קוּמְטְס נִישְׁט קַיין מָאלְדָאוֶוע; זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פַארְקְנַאקְט, זֵיי לָאזְן נִישְׁט אַרוֹיס פוּן עֶירְפָּארְט, בִּיז דֶערְוַוייל וַוארְטְס.

לוֹיף נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם עוֹלָם, הַאלְט זִיךְ אִינְאֵיינֶעם בִּיז מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ יְדִיעָה.

אִיךְ בִּין פוּן אֵיין זַייט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ בִּין אִין אוּמַאן, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים, מַיינֶע חֲבֵרִים, מַיינֶע קִינְדֶער - זֶענֶען נָאכְנִישְׁט אִין אוּמַאן.

יְשׁוּעַת ה׳ כְּהֶרֶף עַיִן.

...

## הִיטְס עֶנְקֶערֶע אוֹיגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, כ״ז אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן אוּקְרֵיינָא

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ ..., ..., ... אוּן ... שֶׁיִּחְיוּ.**

אִיךְ בֶּענְק נָאךְ עֶנְק, אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעוֶוען בַּיים צִיוּן אוּן אִיךְ הָאב זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּם רֶבִּי׳ן מֶען זָאל עֶנְק אַרֵיינְלָאזְן אִין אוּקְרֵיינָא, אִיר זָאלְט קֶענֶען זַיין בַּיים צִיוּן.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, הִיטְס עֶנְקֶערֶע אוֹיגְן; יֶעדֶעס מָאל אִיר וֶועט הִיטְן דִי אוֹיגְן, אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְדְרֵייעֶן אִין עֶירְפָּארְט וְכוּ׳ - מַאכְט אִיר גְרִינְגֶער דִי וֶועג אַרַיין.

... מִיט ... - קוּקְט אַייךְ אוּם אוּן גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶרֶע יוּנְגֶערֶע בְּרִידֶער, ... מִיט ...

עֶנְקֶער טַאטֶע וָואס וַוארְט אוֹיף עֶנְק אִין אוּמַאן.

...

## פַארְגֶעס נִישְׁט פוּן תַּכְלִית, אוֹיךְ אִין שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, כ״ז אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן אוּקְרֵיינָא

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען אַ בִּילְד וואוּ דוּ לֶערְנְסְט פָאר דֶעם בְּלַאט גְמָרָא אִינֶעם עֶירְפָּארְט אִין מָאלְדָאוֶוע; דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט, צוּ זֶען וִוי אִיר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אִיר פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, אֲפִילוּ אִיר זֶענְט שׁוֹין עֶטְלִיכֶע טֶעג אִינְטֶערְוֶועגְנְס דָאךְ פַארְגֶעסְט אִיר נִישְׁט פוּן תַּכְלִית.

לְעֵת עַתָּה אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג מֶען זָאל עֶנְק אַרוֹיסְלָאזְן, אָבֶּער יְשׁוּעַת ה׳ כְּהֶרֶף עַיִן; קֶען זַיין אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע רֶגַע וֶועט מֶען אַייךְ אַרוֹיסְלָאזְן, נָאכְדֶעם דַארְף מֶען וַוייטֶער נִיסִים וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן.

אִיךְ הָאב גֶעזָאגְט פַאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל שִׁיקְן דַיין זוּן אֲפִילוּ אִין אַזֶעלְכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן.

...

**פְּרוּבִּירְט צוּ לֵייגְן דְרוּק מְ׳זָאל אֵייךְ אַרוֹיסְלָאזְן פוּן לוּפְטְפֶעלְד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, כ״ז אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן אוּקְרֵיינָא

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר און ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זוּךְ אוֹיף אִינֶעם עֶירְפָּארְט אִין מָאלְדָאוֶוע אֵיינֶער וָואס אִיז פוּן דִי בַּאאַמְטֶע, רֶעד צוּ אִים וֵוייךְ און אוֹיךְ שַׁארְף; זָאג אִים קְלָאר אַז דֶער הוֹיפְּט רָב פוּן מָאלְדָאוֶוע אִיז גְרֵייט אוּנְז אַרַיינְצוּנֶעמֶען און צוּשְׁטֶעלְן אַ פְּלַאץ פַאר אוּנְז מִיר זָאלְן זַיין אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט, פַאְרוָואס זֶענֶען זֵיי אַזוֹי פַאר׳עַקְשְׁנְ׳ט?

נָאךְ אַ שְׁאֵלָה פְרֶעג זֵיי, פַארְוָואס דִי נִישְׁט-אִידְן הָאט מֶען יָא אַרַיינְגֶעלָאזְט און נָאר דִי אִידְן הָאט מֶען אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט?

לֵייג אַסַאךְ דְרוּק אוֹיף זֵיי.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן וָואס זֵיי עֶנְטְפֶערְן.

אִיךְ שְׁטֵיי און וַוארְט אִין אוּמַאן אוֹיף עֶנְק אַלֶע.

יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל

...

**זַייט אַייךְ מְחַזֵק אוֹיפְ׳ן שְׁוֶוערְן וֶועג קַיין אוּמַאן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, כ״ז אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן אוּקְרֵיינָא

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער מְחוּתָּן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בְּרִיוו זָאלְסְט עֶס פָארְלֵיינֶען פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטְרַאנְדֶעט אִין מָאלְדָאוֶוע.

יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעדַארְפְט פַארְשְׁטֶעלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי בְּרָכוֹת פוּן יִצְחָק אָבִינוּ; זֶעט אוֹיס אַז מִיר דַארְפְן דִי יָאר אַרִיבֶּערְגֵיין דֶער זַאךְ צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי בְּרָכוֹת און דִי תִּיקוּנִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

יֶעצְט וֶוען אִיר זֶענְט פַארְשְׁלָאסְן אִין מָאלְדָאוֶוע קֶענְט אִיר אַ פִּיצְקֶעלֶע

פַארְשְׁטֵיין מֵרָחוֹק וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס כַּיָּדוּעַ הָאט דֶער רֶבִּי בַּאקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דִי מַתָּנָה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

זַיי מְחַזֵק דֶעם עוֹלָם; פְּרִיוָואט בֶּעט אִיךְ דִיר זַיי מְחַזֵק מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע קִינְדֶער, אוֹיךְ דִי דֶערְוַואקְסֶענֶע קֶענֶען אַמָאל אַרָאפְּפַאלְן אוּן וֶוערְן בִּבְחִינַת קִינְדֶער, מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת וְכוּ' וְכוּ'.

לָאמִיר גֵיין צוּם גְרֶעסְטְן אוֹיבֶּערְהַאר, וַוייל יֶעדֶער זָאגְט "אִיךְ דַארְף בַּאקוּמֶען רְשׁוּת פוּן מַיין אוֹיבֶּערְהַאר (סוּפֶּערְוַוייזֶער)", אוּן דֶער אוֹיבֶּערְהַאר זָאגְט: "אִיךְ וַוארְט צוּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת פוּן מַיין אוֹיבֶּערְהַאר"; דָאס אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע גֶעלֶעכְטֶער, מִיר וֵוייסְן דָאךְ יָא וֶוער דֶער אוֹיבֶּערְהַאר אִיז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים - עֶר אִיז דֶער אוֹיבֶּערְהַאר פוּן אַלֶע אוֹיבֶּערְהַארְן, לָאמִיר זִיךְ וֶוענְדְן צוּ אִים.

מַאכְטְס אַ מִנְיָן מִנְחָה-מַעֲרִיב אוּן דַאוֶוענְט שׁוֹין בְּנוּסַח רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ עֶפֶענֶען דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶעמֶען אוּן צוּ צֶעמִישְׁן דֶעם שָׂטָן.

מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ בְּרֶענְגֶען נַאכְטְמָאל צוּ עֶסְן פַאר אַייךְ.

אִיךְ וַוארְט אַייךְ אַלֶע אִיר זָאלְט קוּמֶען קַיין אוּמַאן.

יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל

...

**מֶען אַרְבֶּעט אוֹיף אַ וֶועג עֶנְק אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן מָאלְדָאוֶוע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א', כ"ח אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן אוּקְרֵיינָא

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין מָאלְדָאוֶוע.**

מִיר הָאבְּן גֶעטוּן וָואס עֶס אִיז נָאר מֶעגְלִיךְ; אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען הָאט אַלְץ גֶעטוּן אִיר זָאלְט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן עֵירָפָּארְט אוּן אַרַיין קוּמֶען קַיין אוּמַאן, מִיר זֶענֶען גֶעזִיצְן דִי גַאנְצֶע צַייט אוּן נִישְׁט גֶערוּט קַיין מִינוּט, יֶעדֶע פְּלַאן וָואס מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי עֶס גֵייט וַוייטֶער הָאט זִיךְ פַארְמַאכְט.

יֶעצְט אַרְבֶּעט מֶען צוּ פַאַרְשַׁאפְן אַ פְלִיגֶער עֶנְק אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דָארְט, עֶנְק צוּרִיק בְּרֶענְגֶען קַיין נְיוּ יָארְק.

וָואס אִיךְ גֵיי טוּן – וֶועל אִיךְ עֶנְק בַּאלְד לָאזְן וִויסְן, אוֹיב אִיךְ בְּלַייב אִין אוּמַאן אָדֶער וֶועל אִיךְ צוּרִיק קוּמֶען זַיין מִיט עֶנְק אִינְאֵיינֶעם.

אִיךְ וִויל זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן נָאר וַוייל מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען גֵייט אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע קְהִלָּה, וָואלְט אִיךְ גֶעוואוּסְט אַז אִיר וֶועט נִישְׁט אָנְקוּמֶען – וָואלְט אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן מִיט אַייךְ; יֶעצְט, אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין אוּמַאן וֶועל אִיךְ עֶנְק מוֹדִיעַ זַיין וָואס אִיךְ טוּ.

...

## אִיר דַארְפְט טוּן דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט צוּ וואוּסְן וואוּ צוּ זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א', כ"ח אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן אוּקְרֵיינָא

לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן גֶעשְׁטְרַאנְדֶעט אִין אוּנְגַארְן, קֶערֶעסְטִיר.

אִיךְ הָאף אַז אִיר לֵיינְט אַלֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן מָאלְדָאוֶע.

דִי אַלֶע בְּרִיוו שְׁרַייבּ אִיךְ פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִיךְ שְׁרַייבּ נִישְׁט נָאר פַאר מָאלְדָאוֶע, אִיךְ מֵיין אַייךְ אַלֶע, סַיי אוּנְגַארְן, סַיי לָאנְדָאן אוּן סַיי נְיוּ יָארְק; אוֹיךְ הָאבְּן מִיר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין וַוארְשֶׁע, אִין בֶּעלָארוּס אוּן אִין מִינְסְק וְכוּ'.

לְעֵת עַתָּה וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין עֶרֶב יוֹם טוֹב אוּן אַלֶעס אִיז פַארְקְלַאפְּט, דִי שִׂנְאָה אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ, קַיין אֵיין אִיד לָאזְט מֶען נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען – דַארְפְט אִיר טוּן דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט צוּ וואוּסְן וואוּ צוּ זַיין.

עֶס קֶען זַיין אִיךְ וֶועל אוֹיךְ צוּרִיק קוּמֶען; אִיךְ וִויל זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִינְאֵיינֶעם.

...

## אִיךְ וֶועל זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ״א אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, כ״ח אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן, פֹּה קִיֶעוו, אוּקְרֵיינָא

**לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה שֶׁיִּחְיוּ.**

מוֹהֲרַנְ״שׁ הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן פַאר קֵיינֶעם קַיין דִּין וְחֶשְׁבּוֹן - וָואס אִיךְ טוּ אוּן פַארְוָואס אִיךְ טוּ, נָאר פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ עֶנְק וָואס דָא גֵייט פָּאר.

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן זוּנְטָאג הַאֲזִינוּ קַיין אוּמַאן צוּ זַיין בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן נָאר וַוייל מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען שְׁטֶעלְט מִיר צוּ אַ וֶועג אַרַיין צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן פַאר מִיר אוּן פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - אִיבֶּער הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג מֶענְטְשְׁן, אַדַּעְתָּא דְּהָכִי בִּין אִיךְ גֶעפָארְן.

אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען מָאנְטָאג קַיין אָדֶעסָא, אוּקְרֵיינָא; גְלַייךְ פוּן עֵירְפָּארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן זִיךְ טְרֶעפְן מִיט דִי וָואס בְּרֶענְגֶען אַרַיין וְכוּ׳ וְכוּ׳, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי וֶועג אַרַיינְצוּקוּמֶען אִיז קְרַאנְט - הָאבּ אִיךְ מַצִּיעַ גֶעוֶוען פַאר אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ צוּ קוּמֶען, אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע וֶועג, אַ דֶּרֶךְ לֹא דֶרֶךְ אוּן אֲפִילוּ עֶס קָאסְט אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז - דָאךְ הָאבְּן אַלֶע צוּגֶעהֶערְט אוּן גֶעקוּמֶען מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, נָאךְ מֶער ווִי אִין דִי צַייטְן פוּן דִי קָאמוּנִיסְטִישֶׁע רֶעזְשִׁים.

לְמַעֲשֶׂה וֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע טְרַאנְסְפָּארְט פוּן פוּפְצִיג מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע מִינוּטְן; יֶעדֶע מִינוּט אִיז גֶעוֶוען פַאר מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָפְּצוּמַאכְן וָואס מֶען טוּט וַוייטֶער; מִיט דֶעם אַלֶעם הָאבּ אִיךְ נָאכְאַלְץ גֶעבֶּעטְן דִי צְוֵוייטֶע טְרַאנְסְפָּארְט זָאל זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע מְסִירוּת נֶפֶשׁ׳דִיגֶע רֵייזֶע וָואס מֶען קֶען נָאכְנִישְׁט שְׁרַייבְּן (שְׁפֶּעטֶער וֶועט מֶען דָאס קֶענֶען דֶערְצֵיילְן).

אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ דְרִיטֶע טְרַאנְסְפָּארְט אַרוֹיס צוּ פָארְן נֶעכְטְן פוּן אַמֶערִיקֶע אוּן אַ פֶערְטֶע טְרַאנְסְפָּארְט אִיז גֶעוֶוען אִין אוּנְגַארְן.

הַיינְט פַארְטָאגְס וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אַלֶעס אַלֶעס אִיז פַארְקְלַאפְּט, מֶען הָאט מִיר גֶעסְטְרַאשֶׁעט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע טְרַאנְסְפָּארְט וֶועט זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה

פַארְשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה – הָאבּ אִיךְ אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן זִיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען וָואס אִיךְ זָאל טוּן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי מַחֲשָׁבָה: ׳פָאר צוּרִיק׳.

אִיךְ דַארְף עֶנְדִיגְן שְׁרַייבְּן וַוייל דִי פְלִיגֶער הֵייבְּט זִיךְ.

אִיךְ וֶועל זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ״א אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, נְיוּ יָארְק אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְ׳ן יֶעדְן תַּלְמִיד.

...

## אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט מֶען זָאל קוּמֶען קַיין אוּמַאן
## אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה – קֶען מֶען אוֹיף גָארְנִישְׁט קוּקְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, כ״ח אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים נֵרָם יָאִיר.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיבֶּער פַאר דִי צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער.

גְלֵייבְּט מִיר, אִיךְ הָאבּ עֶנְק נִישְׁט פַארְפִירְט בִּיז יֶעצְט אוּן אִיךְ וֶועל עֶנְק וַוייטֶער נִישְׁט פַארְפִירְן; אִיךְ הָאבּ עֶנְק גֶעזָאגְט צוּ קוּמֶען וַוייל אִיךְ וָואלְט דָאס אַלֵיינְס גֶעטוּן, וָואלְט אִיךְ וֶוען גֶעוֶוען אִין אַמֶערִיקֶע אוּן גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרַיינְצוּקוּמֶען קַיין אוּקְרַיינָא זַיין בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן – אֲפִילוּ נָאר אוֹיף אֵיין פְּרָאצֶענְט – וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ גֶעקוּמֶען. וְהָא רַאְיָ׳, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעשִׁיקְט מַיינֶע קִינְדֶער מִיט עֶנְק – אֲפִילוּ דִי יוּנְגֶע קִינְדֶער, אֲפִילוּ עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט. וַוייל אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט אוּן גֶעזָאגְט מֶען זָאל קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה – קֶען מֶען אוֹיף גָארְנִישְׁט קוּקְן.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּרִיק, מַיין אוּמַאן דִי יָאר וֶועט זַיין מִיט אַייךְ אַלֶע אִין שְׁטֶעטְל ״קִרְיַת בְּרֶסְלֶב״; זַייט מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן.

פוּן עֶנְקֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט עֶנְק נִישְׁט פַארְפִירְט בִּיז יֶעצְט אוּן אִיךְ וֶועל עֶנְק וַוייטֶער נִישְׁט פַארְפִירְן.

...

## עֶפְנְט עֶנְקֶערֶע הֶערְצֶער אַרַיין צוּ נֶעמֶען דִי אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס ווילְן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין שְׁטֶעטְל

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א', כ"ח אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד אַלֶע טֵייעֶרֶע פְרוּיעֶן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ שֶׁתִּחְיוּ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, נְיוּ יָארְק.**

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק פוּן אוּמַאן קַיין נְיוּ יָארְק, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיים צִיוּן אוּן גֶעבֶּעטְן פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים אוּן תַּלְמִידוֹת אוּן פַאר אַלֶע אִידְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אִיךְ וֶועל זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי; אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט עֶפֶענֶען עֶנְקֶערֶע הֶערְצֶער אַרַיין צוּ נֶעמֶען דִי אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס ווילְן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין שְׁטֶעטְל צוּזַאמֶען בַּיים רֶבִּינְ'ס קִיבּוּץ.

זַייטְס נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אִין אוּמַאן, וַוייל מִיר וֶועלְן זַיין אִינְאֵיינֶעם אוּן דַאוֶוענֶען אִינְאֵיינֶעם - וֶועט דֶער רֶבִּי זַיין מִיט אוּנְז; דֶער רֶבִּי וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען פוּן הֵיכַל קַן צִפּוֹר זַיין מִיט אוּנְזֶער קִיבּוּץ.

מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער דִי וָואךְ אַזַא מְסִירוּת נֶפֶשׁ, נָאךְ מֶער ווִי בַּיי דִי קָאמוּנִיסְטִישֶׁע צַייטְן; מִיר הָאבְּן אַלֶעס גֶעטוּן צוּ זַיין אִין אוּמַאן - אִיז עֶס אַזוֹי ווִי מִיר זֶענֶען אִין אוּמַאן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דַיין זְכוּת צוּ הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אָנְצוּקוּמֶען אוֹיף אוּמַאן, אִיז גָאר גְרוֹיס

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א', כ"ח אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ קֶען דִיר שְׁרַייבְּן ווִי גְרוֹיס דַיין זְכוּת אִיז אַז דוּ בִּיסְט גֶעבְּלִיבְּן אִין אָפִּיס טָאג אוּן נַאכְט דִי אַלֶע טֶעג צוּ הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אָנְצוּקוּמֶען אוֹיף אוּמַאן.

דִי אַלֶע טִיקֶעטְס וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט בַּיי דִיר און אַלֶע וָואס הָאבְּן מְבַטֵל גֶעוֶוען זַייעֶר טִיקֶעט און גֶעמַאכְט פְּרִישֶׁע און דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן מְבַטֵל גֶעוֶוען אַ צְוֶוייטֶע מָאל און אַ דְרִיטֶע מָאל און אַזוֹי וַוייטֶער – דָאס אַלֶעס בְּלַייבְּט דִיר אַ זְכוּת אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, פַאר דִיר און פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת.

אַ וָוארְט אִיז אַ וָוארְט, אוֹיב הָאסְטוּ נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי גֶעלְט פוּן דִי טִיקֶעטְס פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע טְרַאנְסְפָּארְט פוּן מָאלְדָאוֶוע וֶועל אִיךְ דִיר בַּאצָאלְן בִּיז׳ן לֶעצְטְן פְּרוּטָה.

אִיךְ הָאף אַז דוּ קוּמְסְט אִין שְׁטֶעטְל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

...

## מְסַדֵר זַיין דֶעם קִיבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, כ"ח אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ׳ן וֶועג קַיין אַמְסְטֶערְדַאם, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואו דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ.

וֶוען דוּ זֶעסְט דֶעם בְּרִיוו זָאלְסְטוּ מִיר רוּפְן, אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיט דִיר אַפָּאר זַאכְן בְּנוֹגֵעַ אוּנְזֶער קִיבּוּץ אִין שְׁטֶעטְל אוֹיף דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, בַּאשְׁטֶעל זֶעקְס הוּנְדֶערְט הַאנְטוּכֶער פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה; עֶס גֵייט זַיין מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אַסַאךְ תַּלְמִידִים.

אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר רוּפְן.

...

## דִי אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"א

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, כ"ח אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן מִיט דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְ׳ן פְלִיגֶער; יֶעצְט זִיצְנְדִיג אוֹיפְ׳ן פְלִיגֶער הָאבּ אִיךְ אַפָּאר מִינוּט, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן וָואס עֶס גֵייט פָאר.

פון וָוען עֶס אִיז פַאַרְשְׁפַּאַרְט גֶעוָוארְן דִי גְרֶענִיץ אַרַיינְצוּקוּמֶען קַיין אוּקְרֵיינָא הָאבּ אִיךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען וואו צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי מַחֲשָׁבָה צוּ זַיין אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, אִין אַ שְׁטֶעטְל וואוּ אַלֶע לֶעבְּן אוּן אָטֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן, אַ פְּלַאץ וואוּ אַלֶע - יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאזוּנְדֶער, מֶענֶער, פְרוֹיעֶן, קִינְדֶער - אִינְגְלֶעךְ, מֵיידְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים - זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, נִישְׁטָא קֵיינֶער אִין שְׁטֶעטְל וָואס הָאט נִישְׁט אַ חֵלֶק אִין הֲפָצָה, פַאַרְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר דִי וֶועלְט (אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן אִין אַ בַּאזוּנְדֶערֶע בְּרִיוו יֶעדֶע מִשְׁפָּחָה, מַאן, וַוייבּ אוּן קִינְדֶער - וָואס זֵיי טוּעֶן פַאר הֲפָצָה).

וַוייל דָאס וֵוייסְטוּ דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי גֶעפִינְט זִיךְ נָאר דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן אִים, וואוּ מֶען פָּאלְגְט אִים; דָאס הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט אַלֶע יָארְן אִינְאֵיינֶעם פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער רֶבִּי אִיז נָאר אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען פָּאלְגְט אִים. אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר אִיז מוֹהֲרָא"שׁ נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן וֶוען דִי גְרֶענִיץ הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט, אִין דִי יָארְן תשמ"ט, תש"נ אוּן תשנ"א, וַוייל מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוָואלְט דַאוֶוענֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן דֶערִיבֶּער אִיז מוֹהֲרָא"שׁ נִישְׁט גֶעקוּמֶען דִי פָּאר יָאר, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעמַאכְט דֶעם קִיבּוּץ אִין יַבְנְאֵל "עִיר בְּרֶסְלֶב".

גְלֵייבּ מִיר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹיפִיל מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם פְּרַט בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע וָואכְן פוּן וֶוען מֶען הָאט פַאַרְשְׁפַּאַרְט דִי גְרֶענִיץ, וֶוען מֶען הָאט מִיר כְּסֵדֶר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרַיין פַאר מִיר: 'זָאל אִיךְ גֵיין? זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ?' דָאס הָאט זִיךְ מִיר גֶעדְרֵייט אִין מַיין מַחֲשָׁבָה, 'יָא פָארְן? נִישְׁט פָארְן?' מִיר זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוַוארְט אֶפְשָׁר דָאךְ וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען דִי גְרֶענִיץ...

פַארְגֶעס נִישְׁט אַז דִי וָואכְן צְוִוישְׁן זוּמֶער אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען זֵייעֶר וִויכְטִיגֶע וָואכְן; מִיר הֵייבְּן אָן דִי יָאר אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל. הַיינְט הָאבְּן מִיר שׁוֹין אִין נְיוּ יָארְק דְרֵיי תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס - אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִין לִיבֶּערְטִי אוּן יֶעצְט הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט אַ פְרִישֶׁע חֵדֶר אִין קִרְיַת יוֹאֵל; נָאכְדֶעם דִי מֵיידְל סְקוּל - אִין שְׁטָאט אוּן אִין שְׁטֶעטְל, דָאס אַלֵיינְס צוּ פִירְן אִיז שׁוֹין גֶענוּג אוּן נָאךְ אָנְצוּפוּלְן דִי צַייט; נָאכְדֶעם לִיגְט אוֹיף מִיר גָאר אַסַאךְ, אוּן אִין דִי צַייט הָאט זִיךְ מִיר אַ גַאנְצְן צַייט גֶעפְרֶעגְט: 'פָארְסְט אַלֵיינְס? פָארְסְט יָא? בְּלַייבְּסְט?' אוֹיף יֶעדֶע מִינוּט הָאט

אַ צְוֵוייטֶער גֶערוּפְן: ׳זָאל אִיךְ פָּארְן? זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁוֶוערְצְן? זָאל אִיךְ טוּן אַזוֹי? זָאל אִיךְ טוּן אַנְדֶערְשׁ?׳

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּי׳ן, מִיר הָאבְּן רֶבִּי נָתָן אוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ וֶועלְכֶע הָאבְּן אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע מַתָּנָה ״הִתְבּוֹדְדוּת״, דָאס קְלָארְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וִויסְן וָואס עֶר הָאט צוּטוּן; אַ נֵס אַז מִיר הָאבְּן דִי תְּרוּפָה, דִי מֶעדֶעצִין, אָן דֶעם מֶעדֶעצִין וָואלְטְן מִיר גֶעדַארְפְט נֶעמֶען אַנְדֶערֶע מֶעדֶעצִין וְכוּ׳ צוּ בַּארוּאִיגְן דֶעם מֹחַ, צוּ פַּארְעֶנְטְפֶערְן דִי סְפֵיקוֹת.

נֶעבֶּעךְ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דִי מַתָּנָה פוּן ״הִתְבּוֹדְדוּת״; זֵיי נֶעמֶען שַׁארְפֶע מֶעדֶעצִין, דְרָאגְס רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאס בְּרֶענְט אוֹיס דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה בִּיז דָאס הַרְג׳עֶט זֵיי; וָואלְטְן זֵיי גֶעוואוּסְט אַז דִי זִיסֶע גְרִינְגֶע הֵיילוּנְג, דִי זִיסֶע גְרִינְגֶע וֶועג אַרוֹיס פַאר פְּרָאבְּלֶעמֶען אִיז ״הִתְבּוֹדְדוּת״ - זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע סְפֵיקוֹת, אַלֶע בִּלְבּוּלִים, אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ׳ - וָואלְט מֶען דוּרְכְדֶעם גֶעוָוארְן אַ רוּאִיגֶער בַּאזֶעסֶענֶער מֶענְטְשׁ.

נַחְזֹר לְעִנְיָנֵינוּ, אַלְץ אִיז מִיר אַרַיין גֶעקוּמֶען דִי מַחֲשָׁבָה ׳בְּלַייבּ דִי יָאר מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מַאךְ דֶעם קִיבּוּץ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב׳, בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס אִיז אַלְץ גֶעקוּמֶען שְׁמוּעוֹת אַז אָט אָט עֶפְנְט אוּקְרֵיינָא צוּרִיק אִירֶע גְרֶענִיצְן, מֶען גֵייט קֶענֶען פָּארְן אוּן זַיין אִין אוּמַאן; אוֹיף דֶעם הָאבְּן מִיר גֶעוַוארְט אוּן גֶעהָאפְט.

אַ׳ סְלִיחוֹת אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ הוֹדָעָה פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה וָואס וואוֹינְט הַיינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן פַאר דְרֵיי וָואכְן צוּרִיק בְּעֶפָּארְן פַארְשְׁפַּארְן דִי גְרֶענִיץ, אַז עֶר הָאט אַ וֶועג פַאר מִיר צוּ קוּמֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג גֶעמַאכְט אוּן נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט זַיין הוֹדָעָה, נָאכְדֶעם הָאט עֶר מִיר גֶעשְׁרִיבְּן: ״יֵשׁ לִי דֶרֶךְ לְהַכְנִיס אֶת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה וְכָל הַקְּהִלָּה״ - אִיךְ הָאבּ אַ וֶועג אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיט דִי גַאנְצֶע קְהִלָּה; דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל אִים אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאן, זַיין בְּקֶשֶׁר מִיט אִים. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ זִיכֶערְקֵייט ״יָא יָא, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג״, ״אוֹיבּ אַזוֹי - זָאג אִיךְ אִים - גֵייעֶן מִיר אַלֶע, אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ שְׁוֶועֶרֶע וֶועג, אַ דֶרֶךְ לֹא דֶרֶךְ, אַ וֶועג וָואס אִיז נִישְׁט קַיין גְרָאדֶע לַייכְטֶע וֶועג וְכוּ׳ וְכוּ׳, אֲפִילוּ עֶס קָאסְט שְׁוֶועֶרֶע גֶעלְטֶער, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף בַּאצָאלְן אַפָּאר טוֹיזְנְט דָאלֶער אוֹיסֶער דִי טִיקֶעט, אָבֶּער אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין

אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה - גֵייעֶן מִיר, אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער, אֲפִילוּ עֶס אִיז מְסִירוּת נֶפֶשׁ".

אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעפָארְן זוּנְטָאג נָאכְמִיטָאג 5:30 וֶוען דְרֵיי אַזֵייגֶער הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ פָּאר; מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס אַיילֶענִישׁ בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין נוּאַרְק, אַ גַאנְצֶע וֶועג זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען בְּפַחַד אוֹיבּ מִיר וֶועלְן מַצְלִיחַ זַיין אַרַיין צוּ קוּמֶען קַיין אוּקְרֵיינָא.

אַזוֹי וִוי מִיר זֶענֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען קַיין אוּקְרֵיינָא דוּרְךְ אָדֶעסָא בִּין אִיךְ גֶעוֶוען פוּן אֵיין זַייט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אַ גַאנְצֶע וֶועג הָאבְּן מִיר גֶעזִינְגֶען "אוּמַאן אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה", פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט מִיר גֶעוֵויינְט מַיין הַארְץ פַארְוָואס מַיינֶע קִינְדֶער, מַיינֶע תַּלְמִידִים - קֶענֶען נִישְׁט קוּמֶען.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט דֶעם וָואס הָאט מִיר צוּגֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג וְכוּ', מֶען שִׁיקְט מִיר צוּ דֶעם, צוּ יֶענֶעם - בִּיז אַלֶע זָאגְן אַז דִי וֶועג פוּן אָדֶעסָא הָאט זִיךְ אוֹיךְ פַארְמַאכְט, דִי אוּקְרֵיינֶער זֶענֶען זֵייעֶר ווִילְד, זֵיי זוּכְן צוּ כַאפְּן דֶער וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין מֶענְטְשְׁן צוּם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

מִיר הָאבְּן זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אוּנְז עֶרְלֶעדִיגְט דִי וֶועג אַרַיין, מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט אִים; אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן אַ וֶועג אַרַיין, מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַ וֶועג פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים אַרַיין צוּ קוּמֶען (יֶעצְט קֶען אִיךְ נָאכְנִישְׁט שְׁרַייבְּן פְּרָטִים).

לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען פַארְהַאקְט אוּן פַארְקְלַאפְּט אוּן אַלֶע זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אִינְדְרוֹיסְן. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיים צִיוּן אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוָואכְן מַיין הַארְץ אוּן זִיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, בִּיז עֶס אִיז מִיר גֶעבְּלִיבְּן אִיךְ זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם עֶרְשְׁטְן פְּלַאץ; זַיין אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

טַייעֶרֶער ..., אִיךְ בִּין זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט, אִיךְ וֶועל נָאךְ רֶעדְן מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען דִי הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער תְּפִלּוֹת וָואס מִיר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶער שְׁלָאפְלָאזֶע נֶעכְט, אוּנְזֶער גָלוּת לַיידְן, אוּנְזֶער מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן אוּנְזֶער ווִילְן אוּן דָאס לֵייגְן אוֹיפְ'ן וָואגְשָׁאל וֶוען מֶען גֵייט אוּנְז דַן זַיין אוּן דָאס אִיז ווִי מִיר זֶענֶען אִין אוּמַאן.

...

## לָאמִיר זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ א', עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

**טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ.**

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדֶער אֵיינֶער טוּט תְּשׁוּבָה, יֶעדֶער הָאט חֲרָטָה אוֹיף דִי נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים, מֶען נֶעמְט זִיךְ פַאר גוּטֶע זַאכְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז אַלֶע אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּטֶע יָאר.

אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דֶערְמַאנְט אַייךְ אַלֶע וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט יֶעדֶעס יָאר בֶּעטְן בְּעפָאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר: "וֶוער עֶס הָאט אַ פַּיינְטְשַׁאפְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן - זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ".

לָאמִיר זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, לָאמִיר גֶעדֶענְקֶען פַארְוָואס מִיר זֶענֶען דָא, פַארְוָואס מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן; מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן, דֶער רֶבִּי הֵיילְט אוּנְזֶער נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה, דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְתַקֵּן, דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי גְרוֹיס - עֶר אִיז מְתַקֵּן יֶעדְן אֵיינֶעם אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, אוֹיסֶער אַ בַּעַל מַחֲלֹקֶת, דֶער וָואס מַאכְט מַחֲלֹקֶת הָאט נִישְׁט קַיין מָקוֹם בַּיים רֶבִּי'ן.

דֶערְפַאר טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, יֶעצְט אִיז דִי צַייט מִיר זָאלְן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי פַּיינְטְשַׁאפְט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן אוּן לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אִיד; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַן אַנְדֶערֶע מֵיינוּנְג, יֶעדֶער אֵיינֶער טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ, יֶעדֶער ווִיל עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וְעִם כָּל זֶה הָאט מֶען זִיךְ לִיבּ, מֶען שֶׁעצְט אוּן מֶען קוּקְט גוּט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן.

חַסְדֵי ה' יִתְבָּרַךְ אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם; אִיךְ גֶעפִינֶען זִיךְ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ זֵייעֶר בַּאקֶווֶעם אִין שְׁטֶעטְל צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען שְׁפִּירְט ווִי אַלֶע הָאבְּן זִיךְ לִיבּ.

עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען הוּנְדֶערְטֶער אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ זַיין מִיט אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע קִיבּוּץ; בֶּעט אִיךְ אַייךְ טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶפְּנְט אוֹיף אַייעֶר הַארְץ. אַז דָאס הַארְץ אִיז וֵוייךְ, אַז דָאס הַארְץ אִיז בְּרֶסְלֶבְ'דִיג, "לֵב בָּשָׂר" אוֹתִיּוֹת בְּרֶסְלֶב - דֶעמָאלְט אִיז אַלֶעס גוּט, עֶס אִיז דָא פְּלַאץ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

אוּנְזֶערֶע מִנְהָגִים וָואס מִיר פִירְן זִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁטֵייט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן כא), פִיר זַאכְן בֶּעט דֶער רֶבִּי: מֶען זָאל טְרַאכְטְן פַאזֶעטִיוו, מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ,

אוֹיךְ זָאל מֶען וֵויינֶען אוּן דִי פֶּערְטֶע זַאךְ - מֶען זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ רֶעדְן וָואס ווינְצִיגֶער.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל

...

## אוּנְזֶערֶע מִנְהָגִים וָואס מִיר פִּירְן זִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אַלֶע טֵייעֶרֶע פְרוֹיעֶן תַּלְמִידוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ שֶׁתִּחְיוּ.**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כא) אוֹיף פִיר זַאכְן דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

א) טְרַאכְטְן גוּט; דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זַיין קְלוּג צוּ טְרַאכְטְן גוּט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט אוּנְז גֶעבְּן נָאר גוּטְס.

ב) זַיין פְּרֵיילִיךְ; רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זַיין פְּרֵיילִיךְ אַז מִיר זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ג) אוֹיךְ וֵויינֶען; רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען וֵויינֶען, אוּן וֶוען מֶען וֵויינְט זָאל מֶען וֵויינֶען פוּן שִׂמְחָה.

ד) נִישְׁט רֶעדְן; דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען וָואס וֵוינִיגֶער רֶעדְן, אוּן ווִי חָשׁוּב׳עֶר מֶען אִיז דַארְף מֶען נָאךְ וֵויינִיגֶער רֶעדְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## הַאלְט דַיין שְׁטוּב רֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ג׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין נִישְׁט אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען דַיין קָאמְפְּיוּטֶער, טֶעלֶעפָאן אוּן דָאס גְלַייכְן; הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ רֵיין, זֶע עֶס זָאל זַיין גְרֵייט פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ בִּין אַבִּיסְל אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן דִי נְסִיעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַלֶע תַּלְמִידִים זָאלְן הָאבְּן רֵיינֶע שְׁטוּבֶּער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ד׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין נִישְׁט צוּ הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ אַ סְמַארְטְפָאוֹן וֶועסְטוּ מִיר מַאכְן אַסַאךְ נַחַת; דוּ וֶועסְט מִיר צוּגֶעבְּן כֹּחַ.

אִיךְ גֵיי שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַז אַלֶע תַּלְמִידִים זָאלְן הָאבְּן רֵיינֶע שְׁטוּבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## זָאלְסְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף רֵיינֶע אוֹיגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ד׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו פוּן מַיין הַארְץ; אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט עֶס אָנְנֶעמֶען, עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין דַיין הַארְץ.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין אַ נַייעֶם יָאר - שְׁנַת תשפ"א; מִיר זֶעעֶן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צֶעשָׁאקְלְט דִי וֶועלְט, וָואס הָאט אַלְץ פַּאסִירְט דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר, ווִיפִיל שְׁוֶועְרֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר אַלֶע הָאפְן אַז עֶס וֶועט זַיין תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ - עֶס וֶועט קוּמֶען אַ זִיסֶע יָאר דוּרְכְדֶעם וָואס מִיר טוּעֶן תְּשׁוּבָה, מִיר קֶערְן זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זִיךְ פָּארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף רֵיינֶע אוֹיגְן; דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען נִישְׁט אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם כְּלִי וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם עֲבֵירוֹת, שְׁמוּץ, מָאוִוי"ס קְלִיפְּ"ס, נַייעֶס וְכַדוֹמֶה. אוּן אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט עֶס הָאבְּן פַּאר פַּרְנָסָה וְכוּ' - דַארְף עֶס זַיין פַארְשְׁפַּארְט מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען קוּקְן אוֹיף דֶעם קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאכְן אוֹיסֶער וָואס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס פַּאר פַּרְנָסָה, ווַייל אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס. אָפְּגֶערֶעדְט אַז מֶען פַארְלִירְט דִי נְשָׁמָה - מֶען הֶערְט אוֹיף לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, נָאר אֲפִילוּ דִי גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע לֶעבְּן פַארְלִירְט מֶען אוֹיךְ; מֶען פַארְלִירְט דֶער טַעַם צוּ זַיין אַ מַאן, צוּ זַיין אַ טַאטֶע; אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת פַארְלִירְט מֶען דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען פַארְלִירְט דִי קִינְדֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דִי וֶוערְטֶער פוּן מַיין הַארְץ; גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ בִּין נָאךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט פוּן מַיין נְסִיעָה קַיין אוּמַאן, אִיךְ בִּין נָאךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ מַיינֶע כּוֹחוֹת - דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר ווַייל אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת צוּ קוּקְן עֲבֵירוֹת, עֶר ווִיל אוֹיסְרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אַלֶעס פַארְלִירְן, עֶר מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן מְשׁוּגָע. דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", זָאגְט מוֹהֲרַ"אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם, אַ מֶענְטְשׁ קֶען קוּקְן שָׁעוֹת אוֹיף מָאוִוי"ס וָואס אִיז אַ צֶעדְרֵייטֶע דִמְיוֹן וָואס מֶען הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, אֵיין זַאךְ הָאט מֶען - מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס, מֶען בְּלַייבְּט מִיט אַן אוֹיסְגֶעבְּרֶענְטֶע מֹחַ, מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט טְרַאכְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר, ווַארְף אַוֶועק דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר; מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט, דִי תּוֹרָה זָאגְט (יְהוֹשֻׁעַ כב, יז): "אֶת עֲוֹן פְּעוֹר אֲשֶׁר לֹא הִטַּהַרְנוּ מִמֶּנּוּ עַד הַיּוֹם הַזֶּה", בִּיז הַיינְט זֶענֶען מִיר נָאכְנִישְׁט רֵיין פוּן דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר; דִי תּוֹרָה אִיז דָאךְ אַ נִצְחִיּוּת, ווִי אִיז שַׁיָיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר? נָאר וֶוען מֶען נֶעמְט

נִידְרִיגֶע זַאכְן, פְּסֹלֶת אוּן דְבָרִים שְׁפָלִים אוּן מֶען הַאלְט דָאס חָשׁוּב - דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּעוֹר, דִי שְׁמוּצִיגֶע מָאוּויס אוּן שְׁמוּצִיגֶע מַאגַאזִינֶען וָואס עֶנְטְהַאלְטְן נִידְרִיגֶע אוּן אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע בִּילְדֶער וְכוּ׳ - דָאס אִיז דָאס אַרְגְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט. אַז מֶען קוּקְט דָאס אוּן מֶען מַאכְט אַן עֵסֶק פוּן דֶעם - דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּעוֹר.

לָאמִיר תְּשׁוּבָה טוּן, לָאמִיר אָנְהֵייבְּן דִי יָאר רֵיין, לָאמִיר זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; שׁוֹין צַייט זִיךְ אוֹיפְצוּוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, שׁוֹין צַייט צוּ טְרַאכְטְן פוּן אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת; וָואס וֶועלְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער טוּן אוֹיב מִיר פָּאלְגְן נִישְׁט? וָואס וֶועלְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאגְן? זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ זָאגְן ׳מִיר וֵוייסְן, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן׳.

ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס פָּאלְגְט עֶרְלִיכֶע אִידְן; עֶר הַאלְט זַיין שְׁטוּבּ רֵיין, עֶר גְרֵייט אָן דִי שְׁטוּבּ עֶס זָאל זַיין אַ פְּלַאץ פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע נָאךְ בֶּעפָאר יוֹם הַקָּדוֹשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ד׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד. אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק בַּאצָאלְן יֶעדְן מְלַמֵּד אוּן יֶעדֶע טִיטְשֶׁער אוּן יֶעדֶער אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶער נָאךְ בֶּעפָאר יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אִיךְ וִויל קֶענֶען זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען: "לְמַעַן נֶחְדַּל מֵעֹשֶׁק יָדֵינוּ".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר; גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין קַטְנוּת הַמּוֹחִין, דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, דוּ הָאסְט דִי כּוֹחוֹת. הֶעלְף מִיר בְּרֶענְגֶען שְׂכַר לִימוּד, הֶעלְף מִיר בְּרֶענְגֶען שְׁטָאטִישֶׁע פְּרָאגְרַאמֶען, לָאמִיר בַּאצָאלְן נָאךְ פַאר יוֹם הַקָּדוֹשׁ פַאר אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע וָואס אַרְבֶּעטְן מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## מְ'דַארְף נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז מְ'הָאט חַיּוּת פוּן רֶבִּי'ן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ד' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זָאלְט קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז אִיר נֶעמְט אַייעֶר גַאנְצֶע חַיּוּת פוּן רֶבִּי'ן, וָואס דַארְפְט אִיר זִיךְ זוֹכְן מַחֲלֹקֶת? עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר וַוייטֶער לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל וִויסְן דֶערְפוּן, אַזוֹי וֶועט אִיר נִישְׁט הָאבְּן קַיין מַחֲלֹקֶת.

אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ דֶערְוואוּסְן אַז אַייעֶר גַאנְצֶע חַיּוּת אִיז פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט; נִישְׁטָא פוּן וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן, ווִי לַאנְג מֶען טוּט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס אִיז נִישְׁטָא וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן.

זָאגְט אַ יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, פְּרוּבִּירְט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים וֶועט אִיר זִיךְ שְׁפִּירְן זֵייעֶר שְׁטַארְק; וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים שְׁפִּירְט מֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר'ן צוּשְׁטֶעלְן עֶסְן פַאר דִי גֶעשְׁטְרַאנְדֶעטֶע אִידְן אִין מָאלְדָאוֶוע

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ד' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר, שְׁלִיחַ חַבַּ"ד בְּמָאלְדָאוֶוע**

אִיךְ ווִיל אַייךְ דַאנְקֶען פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן מַיין הַארְץ פַאר דִי גְרוֹיסֶע טוֹבָה וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין לוּפְט פֶעלְד אִין מָאלְדָאוֶוע; אִיר הָאט זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט עֶסְן, אִיר הָאט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַלֶע אַייעֶרֶע עֶסְן וָואס אִיר הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט פַאר אַייעֶר יוֹם טוֹב.

דֶערְמִיט הָאט אִיר מְקַיֵּים גֶעוֶוען וָואס דֶער אַלְטֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי תּוֹרָה פָּרָשַׁת רְאֵה לב, ב) אַ מָשָׁל צוּ אַ גְרוֹיסֶער קֶענִיג וָואס זִיצְט אִין אַ מֶעכְטִיגֶע פַּאלַאץ, דֶעמָאלְט

קֶענֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ אִים פָּשׁוּט׳ע מֶענְטְשְׁן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג צוּצוּקוּמֶען צוּם קֶענִיג, אָבֶער וֶוען דֶער קֶענִיג אִיז אִין פֶּעלְד, דֶעמָאלְט קֶענֶען אַלֶע צוּקוּמֶען צוּם קֶענִיג, דֶעמָאלְט שְׁמֵייכְלְט דֶער קֶענִיג צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא, אַז חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי וִוי אַ קֶענִיג אִין פֶּעלְד, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאקוּמְט אַ שְׁמֵייכְל פוּנֶעם קֶענִיג, אָן קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד וֶוער מֶען אִיז; דָאס הָאט אִיר גֶעטוּן, אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען אִין לוּפְט פֶעלְד טוּן חֶסֶד מִיט דִי זִיבֶּעצִיג מֶענְטְשְׁן, זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט דְרֵיי סְעוּדוֹת - צְוֵויי מָאל פְּרִישְׁטָאג אוּן נָאכְטְמָאל, אִיר הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט׳ן קֶענִיג אִין פֶעלְד, דָאס וֶועט אַייךְ זַיין אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת יֶעצְט וֶוען מֶען פַארְשְׁרַייבְּט וָואס וֶועט זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת, אִיר אוּן אַייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה; אִיר זָאלְט וַוייטֶער קֶענֶען טוּן גוּטְס.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, אָן אוֹיסְרֶעדְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ד׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, בִּפְרַט אִין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען מִיט עֶלְטֶערְן; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן טוּן דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, מִיט פְרֵיילִיכְקֵייט. מֶען זֶעט דָאס בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ וִוי בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר חֲסִידִים זֶענֶען מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע אוֹיסְנַאם שֵׁיין; מֶען רֶעדְט שֵׁיין, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר פְרַאגֶע וֶועגְן אוֹיסְרֶעדְן וְכוּ׳; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט זָאגְן תְּהִלִּים בַּיי זַיין צִיוּן וֶועט עֶר נִישְׁט רוּעֶן וִוי לַאנְג דֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר זִיווּג, זָאלְט אִיר זָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים אָן אוֹיסְרֶעדְן.

בְּנוֹגֵעַ גֶעבְּן דִי הֶענְט וְכוּ׳; הֶעכֶער דִי נֵיין יָאר דַארְף מֶען שׁוֹין אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת פוּן מְסַדֵר זַיין דֶעם טֶעלֶעפָאן לֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ד׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.**

מִן הַסְתָּם הָאסְטוּ זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר מֶער עוֹסֵק צוּ זַיין אִין הֲפָּצָה - פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן פַאר אַנְדֶערֶע.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיב דוּ בִּיסְט ווִילִיג אִיבֶּערְצוּנֶעמֶען מְסַדֵר זַיין דִי הַאטְלֵיין קוֹל בְּרֶסְלֶב - סַיי דִי מֶענֶער הַאטְלֵיין אוּן סַיי דִי פְרוֹיעֶן הַאטְלֵיין, גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל קֶענֶען מֶער עוֹסֵק זַיין אִין שְׁרַייבְּן קוּנְטְרֵסִים וְכוּ׳.

עֶס וֶועט זַיין פַאר דִיר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת; צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג מִיטְ׳ן הַאטְלֵיין, דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים וָואס מַאכְט זִיךְ נִישְׁט יֶעדְן טָאג.

לָאז מִיר ווִיסְן ווִי שְׁנֶעלֶער.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### בְּרֶענְגֶען כַּפָּרוֹת אוּן פַארְקוֹיפְן ד׳ מִינִים אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ד׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט פַארְקוֹיפְן אִין שְׁטֶעטְל דִי ד׳ מִינִים; פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט הָאַבְרֵךְ ..., עֶר וֶועט דִיר פַארְבִּינְדְן מִיט סוֹחֲרִים אוּן דִיר אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי צוּ פַארְקוֹיפְן. עֶס קֶען זַיין אַז דִי יָאר וֶועלְן דִי רְוָוחִים נִישְׁט זַיין גְרוֹיס, דָאךְ ווִיל אִיךְ דוּ זָאלְסְט עֶס מַאכְן; אוֹיב דוּ וֶועסְט הָאבְן שָׁאדְן נֶעם אִיךְ עֶס אוֹיף מִיר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בְּרֶענְגֶען כַּפָּרוֹת אִין שְׁטֶעטְל.

נֶעם דִיר הָאַבְרֵךְ ..., עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט.

זַיי מוֹדִיעַ אַז עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר אִינְדֶערְפְרִי וֶועט דִי בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן דִי מִקְוֶה

זַיין פַארְשְׁפַּארְט, דִי מִקְוֶה וֶועט זַיין אָפְן פַאר פְרוֹיעֶן; זֶע עֶס זָאל זַיין בִּצְנִיעוּת, מֶענֶער זָאלְן נִישְׁט זַיין דֶעמָאלְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין יוֹם הַקָּדוֹשׁ אִין שְׁטֶעטְל אוּן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת - דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג אוּן דִי צְוֵוייטֶע טֶעג - וֶועל אִיךְ זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן אוּנְז אוֹיפְנֶעמֶען אַזוֹי שֵׁיין אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ד' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ', אוּמַאן.

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן מִיר אָפְּוַוארְטְן מִיט פֵיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן אִין אוּמַאן; וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין אוּמַאן זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן פוּן אֵיין מִינוּט אוֹיפְן צְוֵוייטְן, מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעהֶערִיג אָנְגְרֵייטְן עֶסְן, מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ' גֶעוֶועזְן מִיט דִי נַאכְטְמָאל.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר אַייעֶר מַאן אַז אִיךְ וֶועל מַאכְן צַייט פַאר אַייךְ צוּ קוּמֶען רֶעדְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדַארְפְט צוּרִיק קֶערְן.

אִיךְ וַוארְט דִי גְרֶענִיץ זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶען מִיט מַיין זוּן פַאר עֶר וֶוערְט זִיבְּן יָאר כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דִי הַבְטָחָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶועזְן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקיז): "אֲנִי בָּטוּחַ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁכָּל תִּינוֹק שֶׁיָּבוֹא לְפָנַי קוֹדֶם שֶׁיַּגִּיעַ לְבֶן שֶׁבַע שָׁנִים, בְּוַדַּאי יִהְיֶה נָקִי מִן הַחֵטְא עַד יוֹם חֲתֻנָּתוֹ", אִיךְ זָאג צוּ פַאר יֶעדֶעס קִינְד וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר פַאר דִי זִיבְּן יָאר אַז עֶר וֶועט גֵיין צוּ זַיין חֲתוּנָה מִיט אַ רֵיינֶע הֶעמְד; וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף אַ בַּאזוּךְ.

אוֹיךְ הָאט אַייעֶר מַאן גֶעוָואלְט מַאכְן אַ סִיּוּם הַשַּׁ"ס, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס אוּן אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיפְ'ן סִיּוּם; אִיךְ ווִיל זַיין בַּיי זַיין סִיּוּם הַשַּׁ"ס.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**וִוי נָאר מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה וֶוערְט מֶען רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה; וִוי מֶער דוּ וֶועסְט חַזֶר׳ן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה וֶועט דִיר גְרִינְגֶער וֶוערְן. וַוייל אַלֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ קוּמְט פוּן דֶעם וָואס מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען מֵיינְט אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ פוּן זִיךְ אַלֵיינְס חַס וְשָׁלוֹם, מֶען מֵיינְט אַז דֶער אִיז שׁוּלְדִיג אוּן יֶענֶער אִיז שׁוּלְדִיג וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער וִוי נָאר מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה וֶוערְט מֶען רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן.

זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיפְ׳ן דַף גְמָרָא; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ עֶס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן אַ דַף גְמָרָא, זָאלְסְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוֹיף דֶעם.

אִיךְ בִּין נָאךְ אַבִּיסְל אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי נְסִיעָה בִּכְלַל, אוּן בִּפְרַט פוּן דִי נְסִיעָה פוּן דִי וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אִין עֶירְפָּארְט; דָאס הָאט מִיר מֶער אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט פוּן מַיין אֵייגֶענֶע נְסִיעָה. בֶּעט פַאר מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין צוּרִיק קוּמֶען צוּ מַיינֶע כּוֹחוֹת, אִיךְ זָאל קֶענֶען צוּרִיק גֶעבְּן שִׁיעוּרִים וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...